Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 10 זייטען.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען

נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 65/1665	Łódź, Niedziela 17 marca 1929 r.	זיבעטער יאהרגאנג	לאדז, זונטאג, ה אדר ב׳ תרפ"ט	Nr 65 1665

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

א נייער גרויסער סענסאציאנעלער

ראמאן

הויבט זיך די טעג אן צו דרוקען אין „נייעם פאלקסבלאט"

הזכרה.

היינט, זונטאג, 10 א זייגער פריה קומט פאר אין דער חברה „תהלים", דרעוונאווסקא 11, א הזכרה צו דער 1-טער יאהרצייט נאך אונזער אונפערגעסליכען מאן און פאטער

נ. ע. שלמה זלמן ניימאן

צו וועלכער עס לאדעט איין אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע

די פאמיליע.

הזכרה.

היינט, זונטאג, 10 א זייגער פריה קומט פאר אין דער חברה „תהלים", דרעוונאווסקא 11, צו דער ערשטער יאהר-צייט א הזכרה נאך אונזער פערשטארבענעם לאנגיעהריגען מיטגליד און גרינדער נ"ע

שלמה זלמן ניימאן

צו וועלכער אלע מתפללים ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

די גבאים.

אונזערע ליבע קינדער

חנה גראסמאן

און **אליעזר ליכטענפעלד**

צו זייער חתונה ווינשען א הארציגען מזל טוב און א גליקליכע צוקונפט

די (חיים ליכטענפעלד און פרוי
עלטערן (אברהם גראסמאן און פרוי

צו דער חתונה פון אונזערע קאלעגען

אליעזר ליכטענפעלד מיט פרל. **אנדזשא גראסמאן**

און

מאטעל בושעזשינסקי מיט **פעלא בערמאוויטש**

ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב

משה נייסט און פרוי, מאיר קלעבער און פרוי, העלא און מ. פיקס, ברידער לעווענשטיין, ברידער פולאווער, יעקב סאלעם, טויבע קארפ, שמואל קוואשניעווסקי, ישראל שטערנשוס, אסתר העכט, רובין גראץ, הנה וויינמאן און דוד בראזיליע.

אנדזשא גראסמאן
לאלעק ליכטענפעלד

חתונה געהאט.

לאדז. מערץ 1929.

ליובא רוזשא
משה אהרן זילבערשטיין

מאורשים.

לאדז, אדר תרפ"ט.

הסתדרות „החלוץ המרכזי"

לאדז, צעגעלניאנא 4.

היינט, זונטאג, ד. 17 ד. מ. 10 א זייגער אוונד קומט פאר אין זאל פון „הזמיר" (על. קאשטשושקי 21), א

קאנצערט-ראוט

מיט'ן אנטייל פון די ארטיסטען פון „ארדט", סאלא-געזאנג, מאנאלאגען. א"י-בילד א. א. נאכ'ן פראגראם – טענץ.

בילעטען צו בעקומען ביז 6 אוונד אין לאקאל פון דער ציוניסטיש. ארגאניזאציע (צעגעלניאנא 4) און ביי דער קאסע פון „הזמיר". 5007

אנו משתתפים בצערו הגדול של חברינו הנכבד מר **ישראל דוד פעפער** נ"י במות עליו

אמו נ"ע

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבילי ציון וירושלים. 5018

צעירי ישראל בלודז.

געגען בעלוינונג!

געהענדיג שבת-צו-נאכטס פון יודישע גאס 13–15 האט א קינד פערלוירען

א גראנאט זיידענע-קלייד

אפציגעבען ביי

י. אבראמאוויטש

15 פארושעטשנא

אכטונג, געעהרטע קונדשאפט!

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז פון היינטיגען טאג אן פערקויף איך אין מיין

ווארשט-געשעפט

8 אלעקסאנדראווסקא 8

פרישען אויפשניט	10 דעקא	1 זל.
גענזן-ווארשט 1 סארט, פריש	„ „	50 גר.
ווינער ווארשטלעך	„ „	50 גר.
סאלאמי-ווארשט	„ „	80 גר.

מיט אכטונג וו. אמזעל. 5087

צום בעפארשטעהענדן פורים

עמפפעהלט די גוט-בעקאנטע קאנדיטאריי

מ. קנאבעל,

גלובנא 41, טעל. 16-70 (פריהער: פלאץ וואלנאשטשי 11) –

א גרויסען אויסוואהל פון פאנטאזיע-טארטען, הערבאטניקעס, שאקאלאד און באמבאניערעס.

Dr.
Rachela Lewi

פאנסקא 24, טעל. 42-72

צוריקגעקעהרט

אויפנעהם-שעה'ן פון האלב 3 ביז 4 נאכמיטאג.

א קוואליפיצירטער

פארבער-ארבייטער

צו שטרימף. מעלדען זיך פון 2–3 נ"מ פאמארסקא 53 ביי נאטאריוש.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 25, טעל. 26-87

ספעציעל ארצט פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען, מענער-שוואכע. אלע ארט אנאליזען, באהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.

יעדען טאג פון 8–10 פריה, 12–2 נ.מ. און פון 4–8 אוו.

זאקען-מאשין 156

מאכט-ביי צו פערקויפען.

16 קילינסקיעגא 16

ביי גרינבוים.

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט, אז איך בעזיץ א גרויסען אויסוואהל פון ראמען און בילדער צו ביליגע פרייזען. אלע בעשטעלונגען ווערען אויסגעפיהרט אין משך פון 24 שעה. די פראצע יע איז אפען 9 פריה ביז 11 ביו.

עליאש בערקענפעלד,

וואלבארסקא 25. 4664

Dr. DONCHIN

מאניושקי 1, טעלעפאן 97-9

ספעציאל-ארצט פאר אויגענקראנקהייטען

נעמט אן טעגליך פון 10–1 מיטאג און 4–7 נ.מ.

זונטאג פון 10 ביז 1 בייטאג.

Dr. med. ALBERT GOTLIB

פיעטריקאווער 26,

טעלעפאן 50-77.

אקושער און ספעציאליסט פון פרויען-קראנקה, נעהמט אן פון 4 ביז 7 אוונד. 4340

אנאנסען

אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם בעסטען ערפאלג!!!

אונצוטרוי = וואטום פאר'ן סיים = מארשאלעק
אזא פארשלאג האבעז אריינגעטראגעז די אוקראינישע דעפוטאטעז

וואַרשאַ, 16. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין אָנהויב פון דער פרייטאָג'דיגער זיצונג פון סיים זענען בעטראַכט געוואָרען די פראַגען וועגען ענדערען דעם סטאַטוט פון פּיה־סוחרים, אויף אַ פעראייניגונג פון פּראָדוצענטען. דער פאָרשלאַג איז נישט געקוקט אויף דער געגנערשאַפט פון רעפּ. אייזענשטיין אָנגענומען געוואָרען.

דאַן איז אַראָפּגענומען געוואָרען פון דער טאָג־אָרדנונג די פראַגע וועגען פּוילישער מאַכען אויסלענדישע פּעסער און דער סיים איז צוגעטרעטען צו דריגענדע פאָרשלאַגען.

אָהן שום מאָטיווירונג איז אָנגענומען געוואָרען די דרינגליכקייט וועגען דער ווירטשאַפטליכער לאַגע אין לאַנד און דער נויטיגקייט אָנצונעהמען פערהיטונגס־מיטלען. דער פאָרשלאַג איז אָפּגעשיקט געוואָרען אין דער בּיודזשעט־קאָמיסיע.

רעפּ. טשאַפּינסקי (פּ.פּ.ס.) מאָטיווירט דאַן דער דרינגליכקייט פון פאָרשלאַג פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע קלובען וועגען די בּיודזשעט־איבערשרייטונגען אין יאָהר 1928[29. די פאָרשלאַג־געבער געהט דערין, אַז דער טרויעריגער פאַקט פון די בּיודזשעט־איבערשרייטונגען זאָל אין פּוילען נישט ווערען קיין סיסטעם.

רעדנער שטעלט זיך אַרויס, אַז דורך די ערשטע 10 חדשים פון היינטיגען יאָהר איז דער בּיודזשעט שוין איבערגעשריטען געוואָרען. די פאָרשלאַג־געבער ווענדען זיך צו דעם פּרעזעס פון דער העכסטער מלוכה־קאָנטראָל, אַז ער זאָל צושטעלען מאַטעריאַלען וועגען די היי־יעהריגע בּיודזשעט־איבערשרייטונגען.

די דרינגליכקייט פון פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען.

דאַן ווערען אָנגענומען די דרינגליכקייטען פון די אוקראַאינישע פאָרשלאַגען וועגען דעם, אַז ס'זאָל געוועהלט ווערען אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשען די געשעהענישען אין זשאַבּיעץ, וואו די פּראַוואָסלאַווע בעפעלקערונג האָט זיך פערמאַכט אין אַ צערקווע, וועמענס אייגענטום עס ווערט קוועסטיאָנירט דורך דער רעגירונג, און וועגען פערגוואַלדיגען די אונבעריהרליכקייט פון רעפּ. נרעצקי דורך דער ווילנער פּאָליציי.

דאַן געהט אַרויף אויף דער טריבונע רעפּ. זאַהירני (אוקראַאינער) און ערקלערט, אַז אויף איינע פון די פריהערדיגע זיצונגען פון סיים האָט ער געהאַלטען אַ רעדע, וועלכע איז אין די געדרוקטע סטענאָגראַמען אינגאַנצען איבערגעאַנדערשט געוואָרען און פיל שטעלען זענען אינגאַנצען געשטראָכען געוואָרען. צוליב דעם לעגט דער רעדנער פאָר אַ פאָרמעלען פאָרשלאַג; דער סיים דריקט אויס דעם סיים־מאַרשאַלעק איננאַצי דאַשינסקי אונצוטרוי פאַר דעם אַטענטאַט אויף די רעכט פון די רעפּוטאַטען.

אויף דעם ענטפערט דער סיים־מאַרשאַלעק, דער פאָרשלאַג וועגען אונצוטרוי וועט געשטעלט ווערען אויפ'ן ערשטען פונקט פון דער טאָג־אָרדנונג פון דער נאָהענטסטער סיים־זיצונג.

דער רעפּוטאַט זאַהירני שטעלט פעסט, אַז דער סיים־מאַרשאַלעק צענזורירט די ווערטער וואָס ווערען געהאַלטען פון דער סיים־טריבונע, וואָס ס'דאַרף הערשען די פרייהייט פון וואָרט, דאָס איז אַ צו ערנסטער פּאַטהאָורף, וועלכען איך זאָל קענען רוהיג אַריבּערטראָגען. איך האַלט, אַז איך טו אַלץ, וואָס איז אין מיינע כּוחות, כּדי מעגליך צו מאַכען די רעפּוטאַטען די ווירקליכע פרייהייט פון וואָרט.

אָבער איך האָב שוין אויף דער פריהערדיגער זיצונג בעטאָנט, אַז ס'איז אַנ'אומעגליכע זאַך פאַר דעם סיים־מאַרשאַלעק צו שווייגען דעמאָלט ווען די רעפּוטאַטען דריקען זיך אויס מיט דער גרעסטער קאַלטבּלוטיגקייט, אַז די געזעצען פון דעם לאַנד פערפּליכטען מיך נישט און די גרעניצען פון דער מלוכה פערפּליכטען מיך אויך נישט (אַ שטימע: אין עסטרייכישען פּאַרלאַמענט האָט איהר אויך נישט אָנערקענט די גרענעצען).

איבּערדעם איז נישט קיין וואונדער זען איך האָב געשטראָכען עהנליכע שטעלען פון רעפּ. זאַהירנים רעדע.

איהר קענט מיר אויסדריקען אונצוטרוי. קיינמאָל וועל איך מיט קיין גרעסערע רוה נישט אָננעהמען קיין אונצוטרוי־וואָטום ווי טאַקע אַזעלכע.

בלוטיגער רויב = אנפאל אויף א צוג צווישעז קראקא און דעמבלין
פערקליידעטע באנדיטען ארויסגעווארפען דעם קאנוואיענט פון פאסט=וואגאן און צוגערויבט 130.000 זלאטעס מזומן געלד

קראָקע, 16. (טעלעפאָניש) פרייטאָג האַלב 10 אין אָוונד איז אויסגעפיהרט געוואָרען אַנ'אונגעהויער דרייסטער און בלוטיגער רויב־אָנפאַל אויפ'ן פּאָסט־וואַגאָן פון'ם צוג, וועלכער איז געגאַנגען פון קראָקע קיין דעמבלין.

דער אָנפאַל איז אויסגעפיהרט געוואָרען ביי פאָלגענדע אומשטענדען: אויף דער סטאַציע פּוסטקאָוו איז עפּעס אַ פּערשוין אין אַ מונדיר פון אַ באַהן־אַרבּייטער אַריין אין פּאָסט־וואַגאָן און ערקלערט דעם קאָנוואָיענט, אַז ער דאַרף פעררעכטען די בּרעמזער.

באַלד דערויף איז אַריין אין וואַגאָן אַ צווייטער פערקליידעטער פּערשוין און ביידע צוזאַמען האָבען זיי אַזוי לאַנג געאַרבּייט בּ יידי בּרעמזער, ביז דער צוג האָט גערירט.

ווען דער צוג איז שוין געווען אין פולען גאַנג, האָבען די באַנדיטען זיך געוואָרפען אויפ'ן קאָנוואָיענט פון'ם פּאָסט־וואַגאָן, איהם אַרויסגעשלייערט פון צוג און צוגערויבּט 130.000 זלאָטעס מזומן געלד און עטליכע ווערטפולע פּאָסט־פּאַקעטען. אינמיטען גאַנג פון צוג זענען די באַנדיטען נעלם געוואָרען.

דאָס געיעג נאָך די באַנדיטען האָט נישט געגעבען קיין רעזולטאַט.

טראצקי'ס נע=ונעד=לעבעז
נאך אלץ אהן א תיקון

פּאַריז, 16. (ספּ. טעל.) „פּטי־פּאַריזיען" מעלדעט, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפען טראָצקי'ס בּיטע וועגען אַריינלאָזען איהם קיין פראַנקרייך.

די צייטונג דערצעהלט אויך, אַז טראָצקי'ס פריינד האָבען אונטערהאַנדעלט וועגען אָפּקויפען פאַר טראָצקין דעם שלאָס טאַראַבּאַק.

בּערלין, 16. (א. ח.) די בּערלינער שטאָטישע מאַכט האָט אין הסכם מיט די בּעשלוסען פון דער רייכשער רעגירונג בעשלאָסען צו דערלויבען טראָצקין צו בּעזעצען זיך אין בּערלין מיט'ן תנאי, אַז ער זאָל זיך נישט בּעטייליגען אַקטיוו אין קיין שום פּאָליטישער אַרבּייט.

לאָנדאָן, 16. (ספּ. טעל.) טראָצקי האָט אין אַנ'אינטערוויאו מיט'ן קאָרעספּאָנדענט פון „דיילי טעלעגראַף" ערקלערט, אַז ער האָט בּרעה זיך מעהר נישט צו בּעשעפטיגען מיט פּאָליטיק, נאָר ער וויל זיך בּעזעצען אויף אַ צייט אין ענגלאַנד, כּדי צו קענען בּעזוכען דעם בּריטישען מוזעאום.

פסק=דין פון אפעלאציע=געריכט
איבער די מיטגלידער פון דער ווייסרוסישער „הראמאדע"

ווילנע, 16. (טעלעפאָניש) היינט איז פערעפענטליכט געוואָרען דער פּסק־דין פון ווילנער אַפּעלאַציע־געריכט אינ'ם פּראָצעס איבּער די „הראָמאָרע"־מיטגלידער.

די רעפּוטאַטען: טאַראַשקיעוויטש, ראַק־מיכאַלאָווסקי, מיאָטלאַ און וואָלאָשין זענען אין דער ערשטער אינסטאַנץ פער'משפט געוואָרען צו 12 יאָהר טורמע, און דער סעקרעטאַר פון דער „כּראָמאַדע" בּורסעוויטש איז פער'משפּט געוואָרען אויף 8 יאָהר. אַלע זענען איצט פער'משפט געוואָרען צו 6 יאָהר טורמע.

בּנוגע אַנדערע פער'משפּט'ע אין דעם זעלבען פּראָצעס, איז איצט דער פּסק־דין אויך אַ מילדערער די, וואָס זענען פריהער פער'משפּט געוואָרען אויף 6, 5 און 4 יאָהר, האָט זיי דאָס אַפּעלאַציע־געריכט פערקלענערט די שטראָף אויף 3 יאָהר, דערביי קענען זיי בּעפרייט ווערען, אויב זיי וועלען איינלעגען קויציע אין דער הויך פון 300 זל.

פון 13 בּעשולדיגטע וואָס זענען פריהער פער'משפּט געוואָרען צו 2 יאָהר — זענען 7 פריינעשפּראָכען געוואָרען.

אין בּעצוג צום בּעשולדיגטען קולינאַ־קאַליכאָווסקי, וועלכער איז אין דער ערשטער אינסטאַנץ פער'משפּט געוואָרען צו 5 יאָהר טורמע פאַר געהערען צו אַ שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, איז איצט דער אורטייל פערקלענערט געוואָרען אויף 3 יאָהר.

37.850 פונט
הכנסה פון קרן=היסוד אין פעברואר.

ירושלים, 16. טעלעגראַפיש דורך יט"א) די הכנסות פאַר קרן־היסוד פאַר'ן חודש פעברואַר בּעטרעפט 37,850 פונט.

קאנפערענצען פון פרעמיער בארטעל
מיט די מיניסטארן פון אינערן=און אגראר=ענינים

וואַרשאַ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים־קאָרעספּאָנדענט) היינט פאַרמיטאָג האָט פּרעמיער באַרטעל אָפּגעהאַלטען קאָנפערענצען מיט'ן אינערן־מיניסטער גענ. סקלאַדקאָווסקי און אַרבּייטס מיניסטער מאָראַטשעווסקי.

נאָכמיטאָג האָט פּרעמיער באַרטעל אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן מיניסטער פאַר אַגראַר־ענינים ניעזאַבּיטאָווסקי.

5 נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון מיניסטאָרען־ראַט. אויף דער דאָזיגער זיצונג זענען בּעהאַנדעלט געוואָרען אַ רייהע לויפענדע פּראַגען.

אויפנאהמע פאר'ן פראנצויזישען אמבאסאדאר
ביים פרעמיער בארטעל

וואַרשאַ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט אָוונד האָט דער פּרעמיער באַרטעל אויפגענומען אויף אַ מיטאָג דעם פראַנצויזישען אַמבּאַסאַדאָר לאַראָש.

בּעת דער אויפנאַהמע זענען אָנוועזענד געווען פאָרשטעהער פון דער דיפּלאָמאַטישער וועלט.

ציהונג פון דער 18=טער מלוכה=לאטעריע

פרייטאג.

וואַרשאַ, 16 (טעלעפאָניש). בּעת דער פרייטאָגדיגער ציהונג פון דער מלוכה־לאָטעריע, זענען די הויפּטגעווינסען געפאַלען אויף די נומערן:

20.000 זל. – 70340.
10.000 זל. - 35562 118756 138292 143014.
5.000 זל. – 55557 110804 129885.
3.000 זל. – 269 78199 103092 119062.
2.000 זל. – 19465 29210 50203 89921 128283 140056 145032 156482.
1.000 זל. – 17326 17802 17905 23866 49215 55881 61748 71188 74988 77379 88522 100900 106224 114330 134049 166976 167905 168325 170535.
600 זל. – 5779 9411 23672 29362 33929 41143 42682 51047 67854 68093 85253 91703 101963 117816 120303 123367 133374 145371 153233 172902.

שבת.

אויף דער שבּת'דיגער ציהונג פון דער מלוכה־לאָטעריע, זענען די הויפּטגעווינסען געפאַלען אויף פאָלגענדע נומערן:

25.000 זל. – 137471.
15.000 זל. – 77351.
10.000 זל – 173349.
5.000 זל. – 2798 6042 60359.
3 000 זל. – 51566 127225 143064.
2 000 זל. – 23399 24738 40136 48228 84670 127778 149484 151688 155225.
1.000 זל. – 800 9076 23765 25006 28263 39403 52906 55650 58692 70397 74496 75758 79082 84004 87031 90121 96264 98225 106161 112401 115083 125889 132250 151554 153480 162133.
600 זל. – 2714 14349 30469 35696 45274 50056 52122 57756 66477 72464 81693 93597 95655 110784 112983 136606 141018.

פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.
היינט, זונטאָג, ד. 17/3, 8.30 אָוועגד אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרג. (צעגעלנ. 4) אַ פאָרלעזונג אויף ד.ט.: „וואס דארף יעדער מענש וויסען וועגען גיפטיגע גאזען". פּרעלעגענט: אינזש. י. זשעלינסקי. איינגאַנג פריי!
די נאָהענטסטע פאָרלעזונג:
דינסטאָג, ד. 19. ה. ח. אין לאָקאַל פון דער ציוניסט. אָרג. (צעג. 4)—ד"ר וו. פאָללעק (פּויליש) אויף ד. ט.: „יודישע טיפּען אין דער פּוילישער ליטעראַטור". 6028

יודישער קאמער-טעאטער
לייטונג: מ. בראדערזאן און ד. בייגעלמאן.
היינט 2 פארשטעלונגען:
אָנהויב 7.45 (באָפּולערע פּרייזען) און 10 אין אָוועגד
„ארט"
זאבאדניא 43
דאָס VI-טע גראַנדיעזע פּראָגראַם א. נ.
MISS JUDEA – מיס
1) פּראָלאָג, 2) אנשי קורצב, 3) מענדיל-געגענדיל, 4) קעניג זאַנוועל III, 5) כּתרילעווקער שרפה, 6) דער סעקוועסטראַטאָר, 7) באָבע און אייניקל, 8) ליד פון ארבייט, 9) דער סיבּלאָקאַטאָר, 10) מיס JUDEA
טעקסט: שלום עליכם, מ. בּראָדערזאָן, י. אָבּעזשאַנעק, מאַרשעליק, מאָשקאָוויטש. — מוזיק: קאָמפּ. דוד בּייגעלמאַן און א. ראזענבוים. ליט. לייטער: מ. בראדערזאן. מוזיק. לייאָער: דוד בייגעלמאן. רעזשי: קאלעקטיווע. פּלאַסטישע רעזשי: ז. קרוש. קאָנפעראַנסיע: מ. ערבוים. קאָסטיומען און דעקאָראַציעס (אויסגעפיהרט אין אייגענעם וואַרשטאַט): ד. מאטום און ש. בלום. — ליכט-עפעקטען: י. יערוזאלימסקי. קאָנצערט-מייסטער: ש. בייגעלמאן.
די פאָרשטעלונגען הויבען זיך אָן פּינקטליך. דער זאל איז גוט בעהייצט.
בּילעטען צו בּעקומען טעגליך פון 7 אָוועגד, שבת–פון 2–5 און פון 7 אָוו.

Dr. med. H. Lubloz
צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 41-32
[illegible]

Dr. med. B. Robinzon
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען.
פעטריקאווער 10, טעל. 31-86
[illegible]

כעמיש-באקטעריאלאגישע לאבאראטאריע
מאגיסטער נ. שאץ
פּעטריקאָווער 37, 2. שט., פראָנט.
[illegible]
אוריז-אנאליז – 4 זל.

„דזשאינט" וועט שטיצן די הונגער-ליידענדע יודען אין ליטע

קאוונע, (י.ט.א.) דער גענעראל-סעקרעטאר פון „דזשאינט" אין ליטע ה' אראנאוויטש האט געמאכט א רייזע איבער די הונגער-געביטען אין צפון-ליטע. ה' אראנאוויטש האט פעסטגעשטעלט, אז אויפ'ן שטח וואס האט געליטען פון דער אומגערטעניש לעבט א יודישע בעפעלקערונג פון 65,000 נפשות, וועלכע הונגערט מעהרסטענס אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט.

די הילף-פאנדען, וואס ווערען געזאמלט אין לאנד איז נישט גענוגענד. עס איז נויטיג א דרינגענדע הילף פון אויסלאנד.

200 טויטע פון א באהן-קאטאסטראפע אין כינע

טאקיא, 16 (ספ.טעל.) צוליב נישט בעוואוסטע סיבות איז נעבען סאניא פארגעקומען א גרויסע באהן-קאטאסטראפא.

4 וואגאנען פון א שנעל צוג האבען זיך איינגעצנצען אבגעריסען און צוקוועטשט די פאסאזשירען. בעת דער קאטאסטראפע זענען דערהרג'עט געווארען 200 מענשען.

מורא'דיגע פערפלייצונג אין אמעריקא.

ניו-יארק, 16 (ספ. טעל.) די שרעקליכע וואסער-פערפלייצונגען אין דער געגענד פון מאנטאנאמער פערשטארקען זיך כסדר.

א גאנצע רייה שטעט זענען איינגאנצען אפגעריסען געווארען פון דער וועלט.

אין דער שטאט עלבא האט דאס וואסער דערגרייכט 6 מעטער הויך. ביז היינט איז פערנאטירט געווארען א צאהל פון 150 קרבנות.

די איינוואוינער בעהאלטען זיך די גאנצע צייט אויס אויף די דעכער, ס'איז אבער פערהאן א מורא, אז די הייזער וועלען איינגאנצען איינפאלען. נעכטען ביינאכט איז איינגעפאלען אין עלבא א האטעל אין וועלכען ס'האבען געוואוינט 100 מענשען. ביז היינט איז געלונגען איבערצופיהרען 450 מענשען.

וואסער-פערפלייצונגען אין ווילנער געגענד

ווארשא, 16 (טעלעפאניש). פון ווילנא מעלדעט מען, אז אין יענער געגענד הערשען גרויסע וואסער-פערפלייצונגען, וועלכע בעדראהען דעם באהן-פערקעהר.

רעגירונגס-סובווענצען פאר די שטאט-פערוואלטונגען אין א"י

ירושלים. (י.ט.א.) די ארץ-ישראל-רעגירונג האט בעשלאסען צו ערטיילען סובווענצען די פאלג. שטאטישע זעלבסטפערוואלטונגען: ירושלים — 12.000 פונט, חיפה און יפו צו 8.000 פונט, צפת — 3000 פונט און תל-אביב — 1.700 פונט.

קאלאנעל וועדזשוואוד

וועגען די בעציהונגען פון ענגלישען פארלאמענט און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

לאנדאן, 16 (י.ט.א. טעלעגראפיש) דער יודישער נאציאנאל-קלוב האט איינגעארדענט אן אוונטמאהל לכבוד דעם בעקאנטען פרעזידענט פון רעסארט מאריס מייער. רעפ וועדזשוואוד, דער באנקעט איז פארגעקומען אונטער'ן פארזיץ פון רעדאקטאר מאריס מייער, רעפ וועדזשוואוד האט געהאלטען א רעדע וועגען דער בעציהונג פון ענגלישען פארלאמענט צום ציוניסטישען אויפבוי-ווערק.

כניסיה-הגדולה-קאנגרעס וועט פארקומען אין וויען

וויען 16 (י.ט.א. טעלעגראפיש) נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען פון „אגודת ישראל" איז בעשלאסען געווארען צונויפצורופען די צווייטע „כניסה הגדולה" קיין וויען אויפ'ן 10-טען סעפטעמבער. דער עסטרייכישער בונדעס-קאנצלער זייפעל האט אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט מיט דעם וואס דער קאנגרעס וועט פארקומען אין וויען.

שטאנד-געריכט איבער דעם אנפאלער אויפ'ן געלד-פאסט-טרעגער אין לעמבערג.

אנגעקלאגטער פער'משפט אויף 7 יאהר טורמע.

לעמבערג, 16. (טעלעפאניש) פרייטאג איז דא פארגעקומען דאס שטאנד-געריכט איבער'ן אנפאלער אויף דעם געלד-פאסט-טרעגער. דער בעשולדיגטער סטודענט ראמאן מיציק האט זיך מודה געווען אין אנפאל און האט ערקלערט, אז ער האט דעם אנפאל אויסגעפיהרט לויט'ן אויפטראג פון זיין קאמענדאנט פון דער אוקראינישער מיליטער-ארגאניזאציע. דעם נאמען פון קאמענדאנט האט מיציק נישט געוואלט אויסזאגען.

די פערהאנדלונגען האבען געדויערט א גאנצען טאג. דער אנפאלער מיציק איז פער'משפ'ט געווארען אויף 7 יאהר שווערע טורמע.

דיסקוסיע ארום דער ערקלערונג פון „היימווער"-פיהרער דר. שטיידלע

וויען, (יט"א) די ערקלערונגען וועגען דער יודישער פראגע פון ד"ר שטיידלע, וועלכער האט פערלייקענט דעם אנטיסעמיטיזם פון „היימווער", האט ארויסגערופען א לעבהאפטען אפקלאנג אין די יודישע קרייזען און אין דער גאנצער עסטרייכישער פרעסע. „נייעם ווינער זשורנאל" האט גע־עפענט אן אנקעטע וועגען דעם ענין צווישען די פיהרער פון עסטרייכישען יודענטום, וועלכע קאנסטאטירען מיט בעפרידיגונג דעם פאקט אז די „היימווער" גרעניצט זיך אפ פון אנטיסעמיטיזם. די יודישע פיהרער ווארפען גלייכצייטיג אפ שמיידלעם בעהויפטונג, אז דאס עסטרייכישע יודענטום בעשטעהט כלומרשט פון אנ'אלט איינגעזעסענעם, מלוכה־טריען טייל פון איין זייט און פון א צוגערייזטען, רעסטרוקטיווען עלעמענט פון דער צווייטער זייט".

דער אגודה־פיהרער ה' וואלף פאפענהיים שטרייכט אונטער, אז דאס קאנסערוואטיווע יודענטום איז אלעמאל געווען מלוכה־טריי, אויך דער ציוניסטישער לידער דר. רעזידער פרידמאן בעהויפטעט, די פארטיי פאליטישע אריענטירונג האט נישט קיין שום געמיינזאמעס מיט דער נאציאנאלער אנגעהערינקייט, עס איז פאלש צו מאכען פעראנטווארטליך דאס גאנצע יודענטום פאר די אנשויאונגען ארער האנדלונגען פון איינצעלנע יודען.

דער בעקאנטער סאטיריקער און פארזיצער פון „הכח" דר. פריץ לעהנער דריקט אויס די מיינונג, אז נאר דער אפיציעלער אנטיסעמיטיזם פון די עסטרייכישע בירגערליכע פארטייען שטופט די יודען אין די ארעמס פון די אויסטרא־מארקסיסטען, הגם דער אויסטרא־מארקסיזם רואינירט דאס יודענטום סיי ווירטשאפטליך, סיי נאציאנאל, סיי רעליגיעז.

ראנגעגען דעם לינק־סאציאליסטישער „אבענד שרייבט, אז ד"ר שטיידלע מאכט נאר אנ'אנשטעל אז ער שאקעלט זיך אפ פון אנטיסעמיטיזם, כדי לייכטער צו בעקומען א צוטריט צו די טייסטערם פון די רייכע יודען, וועלכע זענען איהם איצט דרינגענד נויטיג, פאקטיש אבער הערשט אויף די „היימווער"־פערזאמלונגען דער זעלבער יודען־האס, ווי פריהער.

איינברוך-גנבה אין א ווארש. יובעליר-געשעפט.

ווארשא, 16. (טעלעפאניש) אין דעם יובעליר־געשעפט פון י. קרוק אויף טארגאווע 38 האבען זיך דורך אנ'אונטערגראבונג אריינבעקומען גנבים און צוגערויבט ווערטפולע חפצים אין דער ווערט פון 20.000 זלאטעס.

די גנבים האט מען נאך נישט געכאפט.

שווערע באהן-קאטאסטראפע אין ענגלאנד.

לאנדאן, 16. (א. וו.) דער שנעל־צוג, וואס איז געגאנגען קיין לאנדאן, איז נעבען דער סטאציע אראארא פון די רעלסען. 20 וואגאנען זענען צושמעטערט געווארען דערביי זענען עטליכע צענדרליג שווער פערוואונדעט און 20 דער'הרג'עט געווארען.

אולטימאטום

פון אמאנולאה צו האביבולאה.

כאסקווע, 16. (ספ. טעל.) ס'זענען אהער אנגעקומען ידיעות, אז דער עקס־קעניג פון אפגאניסטאן אמאנולא האט זיך געווענדעט מיט אן אולטימאטום צום קעניג האביבולא, אז ער זאל אין משך פון 72 שעה פערלאזען קאבול, אין נעגענפאל וועט זיך אנהויבען אנ'אפענסיווע.

האביבולא זאל האבען דעם אולטימאטום אפגעווארפען.

לאנדאן, 16. (ספ. טעל.) האביבולא האט פער'משפט צום טויט דריי ברידער פון דעם גענעראל נאדיר קהאן. דער אורטייל איז תיכף אויסגעפיהרט געווארען.

געשטארבען דער פארזיצער פון דער בודאפעשטער יוד. קהלה.

זיין גרויס פערמעגען ווערט פערטיילט אויף צדקה.

בודאפעשט, 16. (יט"א טעלעגראפיש) אין עלטער פון 61 יאהר איז ד אגעשטארבען דער פארזיצער פון דער יודישער קהלה האפראט אלאדאר קאסאב. דער פערשטארבענער האט איבערגעלאזען א גרויס פערמעגען, וועלכעס וועט פערטיילט ווערען צווישען יודישע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס.

דער בעקאנטער רעכטס-קענער

י. איינפעלד

וואוינט איצט אויף פעטריקאווער 31.

שפרעכשטונדען טעגליך פון 5–8 אוו.

נעמט אויך אונטער דורכצופיהרען אין בוררים-געריכטען די שווערסטע סכסוכים געוויסענהאפט און לויט די פערפליכטענדע געזעצען.

ניו-יארקער יודען שיקען מצות פאר יודען אין רוסלאנד.

ניו־יארק, 16. (טעלעגראפיש דורך יט"א) די יודישע פרעסע שטיצט שטארק די אקציע צו שיקען מצות פאר דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלאנד. די פירמע מאנישעוויטש האט פאר דעם צוועק בעשטימט א גרויסע צאהל מצות.

כינע ראטיפיצירט דעם קעלאג-אפמאך.

וואשינגטאן, 16. (ספ. טעל.) אהער איז אנגעקומען א מיטטיילונג, אז די כינעזישע רעגירונג האט ראטיפיצירט דעם קעלאג־פאקט.

פון די אלע מלוכות, וועלכע האבען אונטער־געשריבען דעם קעלאג־פאקט, האט בלויז יאפאן איהם נאך נישט ראטיפיצירט.

בעגריסונגען צום יובילעי פון פראפ. איינשטיין.

ירושלים, 16. (יט"א טעלעגראפיש) לכבוד דעם 50־טען געבורטסטאג פון פראפ. איינשטיין האבען די ציוניסטישע עקזעקוטיווען, ועד לאומי און דירעקטאריום פון קרן־קימת ארויסגעשיקט בעגריסונגס־דעפעשען צום יובילאר.

צוטרוי-וואטום פאר פואנקארע אין פראנצויזישען פארלאמענט

פאריז, 16. (ספ. טעל.) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון פראנצויזישען פארלאמענט האט פואנקארע געשטעלט די פראגע וועגען צוטרוי, בעת ס'איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען די ארטיקלען צו דער רעליגיע־קאנגרעגאציע.

מיט 323 געגען 254 שטימען איז פואנקארען ארויסגעדריקט געווארען צוטרוי און ס'איז בעשלאסען געווארען תיכף צו בעטראכטען די פון איהם פערלאנגטע ארטיקלען.

ארויסגעשיקט פון א"י א יודישע קאמוניסטקע

ירושלים, 16 (י.ט.א. טעלעגראפיש) די 18 יעהריגע אננא פולמאן, וועלכע איז בעשולדיגט געווארען אין בעהערען צום קאמוניסטישען יוגענד-פערבאנד, איז פערמשפט געווארען ארויסגעשיקט צו ווערען קיין פוילען, פון וואנען זי שטאמט. פולמאנס עלטערן וואוינען אין ארץ-ישראל.

פארשלאג צו בעשטימען א ספעצ. שטייער אויף בויען א פארט אין יפו

יפו. (יט"א) דער היגער כלל־טוער ה' יוסף אליהו שלוש האט פערעפענטליכט אין דער פרעסע א פארשלאג וועגען בעשטימען א ספעציעלען שטייער אויף די לאנד־ און הויז־איינענטימער אין יפו מיט'ן צוועק צו שאפען דעם נויטיגען פאנד אויף אויסבויען א פארט אין יפו, אין פאל אויב די רעגירונג וועט רעפיניטיוו זיך אפזאגען פון אויסבויען דעם פארט פון איהרע איינענע פאנדען.

ווי בעקאנט, טראכט צו אינגיכען צו בויען א פארט די ארץ־ישראל־רעגירונג אין חיפה.

דער בודזשעט פון דער תל-אביב'ער שטאט-פערוואלטונג פאר'ן יאהר 1929

תל-אביב, (י.ט.א) אויף דער לעצטער זיצונג פון תל-אביב'ער שט.ט פערוואלטונג האט דער וויצע-בירגערמייסטער ה' רוקח מיטגעטיילט, אז דער אויסגעארבייטעטער בודזשעט-פרעלימינאר פאר'ן יאהר 1929 זעהט פאר א הכנסה אין דער הויך פון 84,770 פונט. די וויכטיגסטע הכנסה-פאזיציעס זענען פאלגענדע: הויז-רענטע—22,000 פונט, בילדונגס-אבצאהלען—18,000 פונט, וואסער-אבצאהלען—13,500 פונט, געשעפטס-פאטענטען—4500 פונט, לאנד-שטייער—2500 פונט, וועג-אבצאהלען—2000 פונט א.א.וו.

אנ'ארץ-ישראל שיף-געזעלשאפט

ירושלים. (י.ט.א.) ווי מיר ווערען געוואויר, וועט אין קורצען געבילדעט ווערען א שיף-געזעלשאפט, וואס וועט בעדינען ספעציעל די ארץ-ישראל-פארטען. די נויטיגע שיפען ווערען שוין איינגעקויפט און די געזעלשאפט וועט אין קורצען אנהויבען איהר טעטיגקייט.

דייטשער סאציאליסטען - לידער גוסטאוו נאסקע אין ארץ-ישראל

ירושלים. (י.ט.א.) אין ארץ-ישראל ווייל־ט איצט אלס טוריסט דער בעקאנטער דייטשער סאציאליסטען-פיהרער גוסטאוו נאסקע, געוו. מיניסטער פון לאנדס-פערטיידיגונג אין ערשטען דייטשען קאבינעט נאך דער וועלט-מלחמה. ה' נאסקע איז פרעזידענט פון דער שטאט האנאווער.

1200 קינדער ווערען געבוירען יעהרליך אין תל-אביב

תל-אביב. (י.ט.א.) דא איז פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דער גינעקאלאגישער אפטיילונג פון דעם היגען הדסה-שפיטאל. אין דער פייערונג האבען זיך בעטייליגט דער וויצע-בירגערמייסטער רוקה, הרב עזיאל, דר. לעווינסאן א.א.

דער הויפט דאקטאר פון שפיטאל ד"ר אשמאן האט אין זיין רעדע צוו. אנד. מיטגעטיילט, דאס אין תל-אביב ווערען יעהרליך געבוירען 1200 קינדער, פון דער צאהל ווערען 1000 געבוירען אין הדסה-שפיטאל.

וועגען אייזענבאהן-קאמוניקאציע צווישען פתח-תקוה און יפו

ירושלים. (יט"א) די זעלבסטפערוואלטונג פון פתח—תקוה האט איבערגעגעבען א מעמאראנדום דעם נציב העליון סער רושאן טשענסעלאר, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט צו פערלעגען אנ'אייזענבאהן־קאמוניקאציע צווישען פתח־תקוה און יפו. אזא קאמוניקאציע ליגט אין אינטערעס פון די פאמעראנצען־פלאנטאציעס, וועלכע נויטיגען זיך אין א דירעקטער קאמוניקאציע מיט'ן יפו־ר פארט.

לארד מעלטשעט — עהרען-פארזיצער פון דער ארץ-ישראל-אויסשטעלונג

ירושלים. (יט"א) ד איז ערהאלטען געווארען א טעלעגראפישע מיטטיילונג פון לארד מעלטשעט אז ער איז מסכים איבערצונעמען דעם עהרען־פארזיץ פון דער ארץ־ישראל־אויסשטעלונג, וואס ווערט געעפענט דעם 7־טען אפריל ה. י. אין תל־אביב.

דער נציב־העליון האט ווי בעקאנט, איבערגענומען דעם פראטעקטאראט איבער דער אויסשטעלונג און דער דיסטריקט־קאמיסאר וועט זיין פארזיצער פון דער קאמיסיע, וואס וועט בעשטימען די פרייזען פאר די עקספאנענטען.

17 מערץ 1929 יאָהרג.

„ניַיער פאָלקסבלאַט“

יאָהרג. 17 מערץ 1929

די נאַציע

און וועלכער מען פערגעסט

וועד געדענקט נישט דעם „קראַסיע יעווע־רעיעוו“, וועלכער האָט זיך נאָכגעשלעפט נאָך יעדען געזעץ נאָך „יעדער פעראָרדנונג: דאָס איז געווען אין אַמאָליגען צאַרישען רוסלאַנד. דעם „קראַסיע יעווריעיעוו“ (אויסער יודען) האָט די רוסישע ביוראָקראַטיע געהאַלטען אין קאָפּ און האָט איהם קיינמאָל נישט פערגעסען נאַטירליך נאָר רעמאָלס, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען רעכט, וועגען זכיות.

די רוסישע ביוראָקראַטיע איז שוין לאַנג טויט אָבער איהר גייסט לעבט און דער גלגול פון יענע ביוראָקראַטען ענטפּלעקט זיך דוקא ביי די לינקע, ביי דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די פ.פ.ס. האָט איצט אויסגעאַרבייט אַ געזעץ־פּראָיעקט, וועלכער דאַרף מאַכען אַ סוף מיט דער פערשאָלטענער פראַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אין פּוילען. זי האָט אויסגעאַרבייט אַ פאָרם פון אַ שול־געזעץ פאַר די מינדערהייטען, וועלכער דאַרף בעפרידיגען די פאָדערונגען פון די אוקראַינער, ווייסרוסען א. ז. וו. נאָר וועגען יודען האָבען די סאָציאַליסטען פערגעסען, פון יודען און זייערע פאָדערונגען אויפ'ן קולטורעלען געביט ווערט אין דעם פראָיעקט גאָר נישט דערמאָנט. עס ווערט פאַראויסגעזעצט, שטילשווייגנד אַ „קראַסיע יעווריעיעוו“ אויסער יודען.

פאַרוואָס עפּעס אַ גזרה? פאַרוואָס האָבען די סאָציאַליסטען פערגעסען אין אונז אין דער צייט ווען זיי געדענקען זעהר גוט די ווייסרוסען, וועלכע זיי זעהען, ראַכט זיך, גאָר נישט פאַר די אויגען? מיר ווייסען, אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל, אַז אין דעם שטעקט אַ געוויסער סיסטעם און דערפאַר מוז מען וועגען דעם זיך אַרומרעדען.

מיט יודען געשעהען נאָך ער־היום וואונדער אין דער וועלט. ראַכט זיך, אין דער פּראַקטיק איז נישטאָ קיין איין מענש, צי קלוג אָדער נאַריש, וועלכער זאָל נישט ווייסען און פיהלען, אז יודען שטעלען מיט זיך פאָר אַ אייגענע, בעזונדערע נאַציע. אמת טאַקע אַ נאַציע, וואָס איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע נאַציעס אין דער וועלט, ווייל די אַלע אַנדערע ווייסען אַליין נישט צו ערקלערען מיט וואָס זיי זענען עס און פאַרוואָס זיי זענען עס: די אַלע אַנדערע זענען על פי רוב נעכטען דערפון געוואָהר געוואָרען און מאָרגען קענען זיי עס פערגעסען. אַזוי איז עס למשל מיט די ווייסרוסען. מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָבען זיי נישט געוואוסט, אַז זיי זענען אַ בעזונדערע נאַציע און אין צוואַנציג יאָהר אַרום איז מעגליך, אַז זיי זאָלען עס ווידער נישט ווייסען.

יודען האָבען שוין מיט פיר טויזענד יאָהר געוואוסט, אַז זיי זענען אַ פאָלק פאַר זיך און אַנדערע האָבען עס אויך געוואוסט. אַ פאָלק, וואָס לעבט פאַר זיך און מישט זיך נישט מיט אַנדערע, האָט בלעם שוין איינגעזעהן. אין דער פּראַקטיק ווייסען אַלע ווער און וואָס יודען זענען, אַ סימן דערצו האָבען מיר, דאָס צווישען טויזענדער פאָסט־בעאַמטע איז נישטאָ קיין איין יוד עס איז חלילה נישט פאָרגעקומען קיין טעות מען האָט חלילה נישט פערביטען קיינעם מען זאָל אָנעהמען אַ יודען, מיינענדיג, אַז ער איז אַ פּאָליאַק, וואָס מיט אַנדערע איז עס יאָ פאָרגעקומען...

אין דער פּראַקטיק ווייסען אַלע, ווער און וואָס יודען זענען, נאָר אין דער טעאָריע מאַכט מען זיך פּלוצלינג תמעוואַטע און מען הויבט אָן צו צווייפלען, צי זענען יודען אַ פאָלק, צי האָבען זיי אַ שפּראַך, צי דאַרפען זיי אייגענע שולען און נאָך אַזעלכע פראַגען פון אַ שאינו יודע לשאול. מיר קענען די קונסט, מיר ווייסען, ווי אַזוי מען מאַכט עס און נישטאָ אין דאָס אָרט זיך אויף דעם אויספיהרליך זיך אָפּצושטעלען. אָבער זאָלען מיר דערלאָזען אויף אַן אויגענבליק, אַז די אַלע ספקות זענען בעגרינדעט, איז וואָס בעווייזט עס? אָט אויפ'ן לעצטען צוזאַמענפאָהר פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, ראַכט זיך, אין צוריך, איז פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישער אינצידענט; די פּוילישע מינדערהייטען האָבען געפאָדערט, מען זאָל צולאָזען אַ דעלעגאַציע פון עפּעס אַ נאַציע אין דייטשלאַנד, ראַכט זיך פון די פריזען, דאָס איז אַ שבט אָדער אַ פאָלק, וואָס צעהלט אַרום און אַרום 20 טויזענד נפשות, פון זיי בעקענען זיך נאָר זיבען טויזענד אַלס בעזונדערער שבט. די איבריגע האַלטען, אַז זיי זענען דייטשען. די פּוילישע דעלעגאַציע האָט געפאָדערט מען זאָל צולאָזען אָט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען פון גאַנצע זיבען טויזענד נפשות צום קאָנגרעס אַזוי ווי ד' יאַנדערע דעלעגאַציעס האָבען דערצו נישט מסכים געווען (נאַטירליך איז עס געווען אַ דייטשע אינטריגע!) האָט די פּוילישע דעלעגאַציע אַלס פּראָטעסט פעראָזען דעם קאָנגרעס.

מיר געהען נישט אַריין אין דער פראַגע, ווער עס איז דאָרט געווען גערעכט. נאַטירליך האַלטען מיר, אַז די פּוילישע דעלעגאַציע איז געווען גערעכט. מיר פרעגען אָבער די הערען פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָבען אויסגעאַרבייט דעם פּראָיעקט וועגען שולען פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, ווי מיינען זיי, צי אין פּוילען זענען נישט ד' אָקיין זיבען טויזענד יודען, וועלכע אַנערקענען זיך אַלס בעזונדערער פאָלק? היינט פאַר וואָס זשע האָבען זיי פערגעסען אָן אונז ביים אויסאַרבייטען דעם פּראָיעקט?

אַמאָל האָט געהערשט אַ כלל: „קראַסיע יעווריעיעוו“ אויסער יודען. דאָס איז געווען דער כלל פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע. צי ווילען די פּוילישע סאָציאַליסטען זיין די יורשים פון יענע ביוראָקראַטען?

ש. י. ס.

סטאַלין־דזשוגאַשווילי

דער מאַן, וואָס האָט בעזיגט טראָצקי'ן

די צוויי נעמען סטאַלין און טראָצקי געהען איצט נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטען אין דער טעגליכער פּרעסע אין דער גאַנצער וועלט. טראָצקי'ן קענען מיר אַלע. ווער זשע איז אָבער דער אייזערנער מענש אין'ם גרויסען רוסלאַנד, וואָס האָט מיט זיין שטאַרקער האַנט צושמעטערט דעם גרויסען טראָצקי?

אַן אויסלענדישע צייטונג דערצעהלט וועגען איהם:

— סטאַלין איז קודם־כל אַ פאַנאַטיקער, אָבער נישט קיין גלייכגילטיגער, ער היצט זיך נישט, ער איז נישט ליידענשאַפטליך, ווי די טבע איז פון אַלע פאַנאַטיקער. ער איז אַ מאַן מיט אַן אייזקאַלטען כאַראַקטער, ווען ער שטעהט און רעדט, האַלט ער פערשלאָסען זיינע לענגליכע מאָנגאָלישע אויגען. זיין רעדע איז געוואויגען און געמאָסטען. ער רעדט קאַלט און איבערגעלייגט, ער פיהלט זיך נישט קיין פּאַטאָס, ער רייסט נישט מיט זיך מיט די צוהערער, דערפאַר איז אָבער יעדעס וואָרט אַ שטאָלענע פייל, וואָס טרעפט שטענדיג אין ציל.

סטאַלין רעדט קיינמאָל נישט מיט בעגייסטערונג, ער איז נישט קיין ענטוזיאַסט. עס טרעפט אָבער אויך אַמאָל, אַז ער רעדט מיט התלהבות. דאָס איז דאַמאָלסט ווען ער דערמאָנט לעני־נין. יאָהרענלאַנג זענען זיי ביידע, לענין און סטאַלין, געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. לענין אַלס פיהרער און לעהרער און סטאַלין אַלס געהאָרכזאַמער און טרייער תלמיד. ביידע צוזאַמען האָבען אויסגעבויט די פּאַרטיי, וואָס איז איצט די אַליינהערשערין אין רוסלאַנד.

בעטראַכט זיך טאַקע סטאַלין אַלס דער איינציגער מאַן, וואָס איז ווערט צו האָבען ירי השגחה איבער לענינס ירושה.

סטאַלין איז געבוירען געוואָרען אין אַ דאָרף הינטער טיפליס, דאָס איז געווען אין יאָהר 1879. ער איז געווען אַ קרענקלעך קינד, שוואַך און בלאַס. די עלטערען האָבען געמיינט, אַז ער וועט זיך נישט „האַלטען“. די גאַנצע קינדהייט האָט ער געקרענקט. דאָס לעבען האָט אָבער בעקעמפט דעם טויט און דאָס קליינע גרוזינער קינד איז אויסגעוואַקסען, אָנגעהויבען אַרומצולויפען איבער'ן דאָרף און שפּעטער האָט איהם דער טאַטע אָנגעהויבען מהנך צו זיין מיט דאָרפישע אַרבייטען. ער האָט איהם אַרויסגעשיקט פּאַשען חזירים, מיטגענומען אין וואַלד אַריין האָלץ האַקען און אָפּטמאָל איהם אויך בעשעפטיגט ביים אַקערן דאָס פעלד.

זיין פאָטער איז געווען אַ גרוזינער מיט'ן נאָמען דזשוגאַשווילי. ווען דער קליינער איז אַלט געוואָרען 14 יאָהר, האָט זיך זיין פאָטער, דער אַלטער דזשוגאַשווילי, איבערגעצויגען אין שטאָט אַריין, קיין טיפליס און בעקומען אַרבייט אין אַ שוך־פאַבריק. דעם 14־יאָהריגען זוהן, אָסיפּ וויסאַריאָנאָוויטש דזשוגאַשווילי, האָט ער אָפּגעגעבען אין אַ גלחים־סעמינאַר.

דער יונגער דזשוגאַשווילי איז אָבער נישט געוואָרען קיין גלח. אין דער גרוזינישער גלחים־סעמינאַר האָט ער זיך נאָר אויסגעלערנט פיינט צו האָבען די צאַרישע מאַכט, וועלכע האָט פערשקלאָפט דאָס גרוזינישע פאָלק. ער איז געוואָרען אַ גרוזינישער פּאַטריאָט. שפּעטער האָט ער זיך בעקענט מיט דער מאַרקסיסטישער לערע און געוואָרען אַ הייסער אָנהענגער פון דער סאָציאַליסטישער אידעע. ער גרינדעט אַ סאָציאַליסטישען קרייזעל אין גלחים־סעמינאַר און אַלס 18־יאָהריגער סעמינאַריסט זעהט מען איהם שוין ביי פערשידענע סאָציאַליסטישע אַרבייטען אין שטאָט. מיט דעם גאַנצען ברען פון דער יוגענט וואַרפט ער זיך אַריין אין דער אַרבייטער־בעוועגונג, ער קומט זעלטען אויף די לעקציעס אין סעמינאַר, טיילמאָל ווייזט ער זיך דאָרט נישט קיין גאַנצע וואָכען. די דירעקציע פון סעמינאַר דערוויסט זיך פון זיינע אַרבייטען צווישען די טיפליסער אַרבייטער. און איינמאָל ווען אָסיפּ דזשוגאַשווילי איז געקומען אויף אַ לעקציע אין סעמינאַר, האָט מען איהם אַריינגערופען אין קאַנצעלאַריע און ערקלערט, אַז צוליב זיינע סאָציאַליסטישע און אַפּיקורסישע אידעען, ווערט ער אויסגעשלאָסען פון סעמינאַר, ווייל אַ מענש מיט אַזעלכע שעדליכע, וועלט־איבערקערישע אידעען, איז נישט ראוי צו זיין אַ גלח.

דער יונגער דזשוגאַשווילי האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט און געענטפערט, אַז ער איז דערפון זעהר שטאַרק צופרידען.

ער טרעט אַרויס פון סעמינאַר און וואַרפט זיך איינגאַנצען אַריין אין דער אַרבייטער־בעוועגונג. אָסיפּ דזשוגאַשווילי איז דאַמאָלסט אַלט געווען 20 יאָהר. דאָס מעכטיקע אויג פון דער צאַרישער אָכראַנע בעמערקט אָבער באַלד דעם יונגען רעוואָלוציאָנער, ער ווערט פערשיקט. ער דרעהט זיך אָבער געשיקט אַרויס פון דער תפיסה און ער הייבט אָן צו פיהרען ווי ס'רוב רעוואָלוציאָנערען אין צאַרישען רוסלאַנד אַן אומלעגאַלען לעבען. ער ערשיינט אין פערשידענע ערטער יעדעס מאָל אונטער אַן אַנדער נאָמען.

אין יאָהר 1902 ווערט ער אַרעסטירט. מען געפינט ביי איהם אַ פּאַס אויסגעשטעלט אויפ'ן נאָמען סטאַלין. פון דעמאָלט פיגורירט ער שוין אונטער דעם דאָזיגען נאָמען. 2 יאָהר איז ער געזעסען אין דער אויספאָרשונגס־טורמע אין באַטום. מען וויל, אַז ער זאָל אויסגעבען דעם צענטראַל־קאָמיטעט, ער ווערט געפייניגט און געשלאָגען. סטאַלין דזשוגאַשווילי בלייבט אָבער שטום, ווי די וואַנט, מען האָט איהם פערמשפּט צו פערשיקען אויף 3 יאָהר סיביר. דאָס איז געווען זיין ערשטער גאַנג מיט'ן עטאַפּ קיין סיביר. סטאַלין האַלט זיך דאָרט אָבער נישט לאַנג, אין 4 וואָכען אַרום ענטלויפט ער פון דאָרט קיין מאָסקווע. אין יאָהר 1904 פאָהרט ער צוריק קיין טיפליס און רעדאַגירט די אומלעגאַלע צייטונג „באָרבאַ פּראָלעטאַריאַטאַ“. אין 1905 איז ער דעלעגאַט אויפ'ן באָלשעוויסטישען קאָנגרעס אין שטאָקהאָלם און אין 1907 אויפ'ן פּאַרטיי־קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

אין יאַנואַר 1906 פאַלט ער ווידער אַריין אין די הענט פון דער אָכראַנע און ער ווערט צום צווייטען מאָל פערשיקט קיין סיביר. איהם געלינגט אָבער ווידער צו ענטלויפען און פיהרט ווייטער אָן מיט דער אַרבייט אין אייראָפּעאישען רוסלאַנד. זיין נאָמען ווערט אַלץ מעהר פּאָפּולערער אין די פּאַרטיי־קרייזען און אין יאָהר 1911 ווערט ער אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט אין מאָסקווע. אין אַ פּאָר חדשים אַרום ווערט אָבער דער צ"ק אַרעסטירט און סטאַלין וואַנדערט ווידער אין דער אויספאָרשונגס־טורמע און ער ווערט אויפסניי פערמשפּט פערשיקט צו ווערען אויף 3 יאָהר קיין סיביר. דאָס מזל דינט איהם אָבער ווייטער און אין אַ פּאָר חדשים אַרום זעהט מען איהם שוין ווידער ביי דער אַרבייט אין רוסלאַנד. ער בויט אויף די צוקלאַפּטע אָרגאַניזאַציעס שטעלט איי ן פּאַרטיי־קעמערלעך און דער סוף איז, אַז ער פאַלט ווידער אַריין אין די הענט פון דער אָכראַנע.

אין יאָהר 1913 ווערט ער פערמשפּט אויף לעבענס־לענגליכער פערשיקונג קיין סיביר. ער ווערט געשמידט אין קייטען און אָפּגעשיקט מיט'ן עטאַפּ.

4 יאָהר האָט סטאַלין איצט פערבראַכט אויף די קאַלטע שניי־פעלדער פון סיביר און עס האָט זיך אויסגערעכט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען קיין רוסלאַנד. אָבער ענדלעך איז געקומען דאָס יאָהר. עס איז אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע, דער צאַריזם איז געפאַלען און אַלע פּאָליטישע פערשיקטע קומען אַהיים. צווישען זיי געפינט זיך אויך סטאַלין און ווען די באָלשעוויקעס האָבען פערכאַפּט די מאַכט און עס איז געשאַפען געוואָרען דער „קאָמיטעט פון די גרויסע פינף“, איז סטאַלין געווען צווישען זיי.

אָט אַזאַ קאַריערע האָט דורכגעמאַכט דער האַלב־הונגעריגער תלמיד פון דעם טיפליסער גלחים־סעמינאַר, דער איצטיגער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטען־פערבאַנד, דער זיגער איבער טראָצקין.

דער יעסענין־דאַנקאַן סקאַנדאַל

אין הויז פון אַ יודישען פּאָעט

אין אַ ווילדען אָנפאַל האָט יעסענין שיער נישט דערוואָרגען די וועלט־בעריהמטע טענצערין

צווישען די פערשידענע מעשיות, וואָס מערי דעסדי דערצעהלט אין איהר בוך „די אָנטאָלד סמאָרי“ (די נישט־דערצעהלטע געשיכטע), וועגען די ווילדקייטען פון יונגען רוסישען דיכטער יעסענין (ער האָט געענדיגט זיין לעבען מיט זעלבסטמאָרד) דערמאָנט זי אויך דעם ווילדען אויסברוך זיינעם ביי מאַני לייב'ן אין הויז אין ניו־יאָרק.

לויט איהר קומט אויס, אַז אַ גרופּע רוסיש־יודישע פּאָעטען האָבען אַראַנזשירט אַן אָוונד לכבוד יעסענינ'ען, און אַז אויף דעם אָוונד זענען געהאַלטען געוואָרען אַ סך רעדעס, אָבער אין מיטען דער שמחה האָט יעסענין נישט געקענט טראַכטען וועגען עפּעס אַנדערש, ווי נאָר צו בעליידיגען די געסט אַלס יודען און צום סוף האָט ער זיך גאָר געכאַפּט ברעכען אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז. מערי דעסדי ווייסט אויך צו דערצעהלען, אַז דיזעלביגע רוסישע יודען זענען דערנאָך געווען אַזוי אויפגעבראַכט אויף יעסענינען, אַז זיי האָבען געוואָלט נישט אַנדערש, ווי דערפּאַטירען איהם. ערשט נאָכדעם, ווי איזידאָראַ דאַנקאַן (יעסענינס געליבטע, די בעריהמטע פּאַריזער טענצערין; זי איז אומגעקומען אויף שרעקליכען אופן אין אַן אויטאָ) איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו זיי אַז זיי געבעטען רחמים, האָבען זיי עס נישט געטון.

דער שרייבער פון די שורות איז געווען איינער פון די דיגעסט אויף יענעם אייוונד, אַז ער קען פערזיכערען, אַז די גאַנצע מעשה הויבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס. קודם כל וויל איך דאָ פעסטשטעלען, אַז דאָס איז נישט געווען קיין אָפיציעלער אָוונט אַראַנזשירט פון יודישע פּאָעטען, נאָר מאַני לייב'ס אַ פּערזענליכע שמחה'לע פאַר אַ ברודער־דיכטער. וועמעס לידער ער האָט איבערזעצט נאָך איידער ער האָט איהם געקענט פּערזענליך און וועמען ער האָט ליב בעקומען, ווען ער האָט זיך מיט איהם בעקענט. גלייך ביי דער ערשטער בעגעגעניש האָבען זיך די צוויי פּאָעטען ליב בעקומען און פון זינט דעמאָלט האָבען זיי זעהר אָפט פערבראַכט צוזאַמען, געשפּילט קאָרטען צוזאַמען און איינער פאַר'ן אַנדערען פאָרגעלייענט זייערע לידער.

אויף יעסענינ'ס פערלאַנג צו בעקענען זיך מיט מאַני לייב'ס נאָהענטסטע חברים, האָט דער לעצטער פערבעטען צו זיך די דיכטער פון זיין קרייז, עטליכע יונגע יודישע מאָהלער און מוזיקער און איין אויך וועג האָט ער אויך שוין גערופען סתם בעקאַנטע און פריינד, וואָס פּלעגען קומען צו איהם אין שטוב אַריין. פאַר די מעהרסטע איז געווען אַן איבעראַשונג, ווען זיי האָבען דערזעהן, אַז יעסענין איז נישט געקומען אַליין נאָר האָט אויך מיטגעבראַכט זיין פרוי, די וועלט בעריהמטע איזאַדאָראַ דאַנקאַן.

קיין רעדעס האָט קיינער נישט געהאַלטען. מען האָט בלויז געטרונקען ווינן און פערביסען מיט לידער, וואָס יעסענין האָט פאָרגעלייענט. יעסענין האָט זיך געפיהלט פריי אין היימיש צווישען דעם עולם ווי אַ דיכטער צווישען דיכטער. קיין שום שנאה אָדער אפילו גאָר די מינדסטע גרינגשעצונג צו יודען האָט מען אָן איהם נישט געקענט בעמערקען. פערקעהרט גאָר, ער האָט זיך קושען מיט עטליכע פון די דיכטער, פאַר מען האָט איהם פאָרגעשטעלט. אָב סעל סנאָביש האָט זיך געהאַלטען די דאַנקאַן, און דאָס אויך נישט צו דעם גאַנצען עולם נאָר צו עטליכע מיידלעך, וועלכע האָבען זיך אָנגעגעבען, אַז זיי זענען טענצערינס און אַז זיי בעטראַכטען זיך [illegible] רע שילערינס.

אויפ'ן פערלאַנג פון עטליכע האָט די דאַנקאַן איינגעוויליגט צו טאַנצען פאַר די געסט, און איז אַריין אין אַ זייטיגען צימער זיך איבערטון. איידער וואָס־ווען האָט מען דערווייל געטרונקען, און יעסענין, ווי זיין שטייגער, מעהר פון אַלעמען. עס איז געווען אַ פרעהליכע שטימונג, און כמעט אַלע זענען געווען בגילופינ'דיג. יעסענין איז שוין געווען שכור ווי לוט. פּלוצלינג איז ער נישט געוואָרען. און נאָך איידער מען האָט זיך געכאַפּט וואו ער איז אַהינגעקומען, האָט זיך פון באָד־צימער דערהערט אַן אויסטערלישער קוויטש. אַז מען איז אַריינגעלאָפען אַהין, האָט מען דערזעהן ווי דאַנקאַן ליגט אין דער וואַנע מ'ט'ן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אין דער הויך און יעסענין שטעהט אָנגעבויגען איבער איהר, האַלט איהר האַלז אין ביידע הענד און וואָרגט זי.

מען האָט זי קוים אַרויסגעראַטעוועט פון זיינע הענד און זיי צעשיידט. צוריק געמאַכט אויף זיך די קליידער, האָט דאַנקאַן געבעטען, מען זאָל זי אַריינלאָזען אין אַן אַנדער צימער און יעסענינ'ען

(ווייטער זעה 9־טע זייט).

געשיכטע פון אַ גרויסען יודישען אַוואַנטוריסט.

(סוף).

ערנאָך איז געקומען ערפאָלג נאָך ערפאָלג. טעג האָט ער פאַ־טיג געמאַכט דריי ליברע־ - איינע פון די דריי „ראָן דזשיאָוואַני", צו ' / אָצאַרט האָט פערפאַסט די מוזיק. די אָט ער בעוויזען, אַרבייטענדיג צוועלף שעה מיט אַ פלאַש טאָקאַיער ביי דער רעכטער אַ פושקעלע סעווילער טאַבאַק ביי דער לינ־ אַנט און דער באַלעבאָסטע'ס שעהנער 16־ ר טאָכטער ביי דער זייט — זי האָט עס וואָלט געבען אינספּיראַציע מיט איהר שמיי־ זיפצען.

יאָזעף דער צווייטער איז געשטאָרבען אין 179, איז דאָס פאַר דא פּאָנטע'ן געווען סטער קלאַפּ. פערשידענע אינטריגעס האָ־ ראָכט דערצו, אַז ער איז געצוואונגען געווען לאָזען וויען און אַנטלויפען קיין טריעסט. אָט ער זיך בעקענט מיט זיין צוקינפטיגער רייער לעבענס־בעגלייטערין, נענסי גראַהל, טער פון אַ רייכען ענגלישען ביזנעסמאַן, האָט אָבער באַלד נאָך זיין קינד'ס חתונה אַפּאָנטע'ן, באַנקראָטירט.

טריעסט זענען זיי אַוועק קיין פּראָג. לאָרענ דאָרט בעדאַרפט אָפּנעמען אַ חוב ביים שען אַוואַנטיוריסט קאַזאַנאָוואַ נאָר אנשטאַט לד האָט ער בעקומען אַן עצה:

„פאָהרט קיין לאָנדאָן".

לאָנדאָן האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז נענ־ אָטער איז געשטאָרבען און אַז איהר מוטער איבעריגע קינדער זענען אַוועק קיין אַמעריקע. אַ קורצער צייט איז דאַ פּענטאָ געוואָרען: פון איטאַליענישער אָפּראַ אין דרורי ליין , לאָנדאָן.

משך פון צוועלף יאָהר האָט ער געשריבען פערעס, געמאַכט אַ רייזע קיין איטאַליע, צו רען זינגערס; געשריבען אַ סעריע פּאַסקווי־ זיינע שונאים; געעפענט אַ דרוקעריי, אליעניש בוך־געשעפט, געווען אַרעסטירט מאָל און צום סוף — באַנקראָטירט.

אַזוי האָט ער, אין עלטער פון 56 יאָהר, אונטערנעהמען אַ גאַנץ נייע רייזע, האָבענ־ זיין פערמעגען ניישט מעהר ווי פערציג ופציג דאָלאַר און עטליכע איטאַליענישע

איז אַוועק קיין אַמעריקע.

ניו־יאָרק האָט איהם בעגעגנט זיין פרוי, איז געהאַט געפאָהרען אַהין מיט אַ צייט צו־ איהר מוטער. זיי האָבען זיך אַריבערגע־ אין אַ קליין שטעטעל — עליזאַבעט, ניו

פּאָנטע האָט איינגעזעהן, אַז אַלס איטאַליע־ יבּרעטיסט וועט ער אין אַזאַ פּראָווינץ־ קיין לעבען נישט קאָנען מאַכען, און ער געעפענט אַ שפּייז געוועלב.

זיינע מעמואַרען קלאָגט ער נעבעך אויף זיינע צאַרטע הענט — דיזעלביגע הענט, בען געשריבען „לע נאָצע דע פיגאַראָ" איצטער זיך בראָדיען אין זעק פּאַסאָ־ אַרטאָפעל און אַנדערע אָנשיקענישען.

שען האָבען אויסגענוצט זיין אומערפאַה־ און איהם אָפּגענאַרט, בעשווינדעלט. אַנ־ בעצאָהלען מיט געלד אויף זייערע וועקס־ בען זיי איהם בעצאָהלט מיט: קרומע פּראָכענע בענקלעך, אַלטע שקראַבעס, גע־ לך, פערלעגערטע אייער, פערפוילטע עפּעל מכ און קאַרטאָפעל.

ער האָט שוין מעהר נישט געקאָנט אויס־ ער עס געמוזט אויפגעבען און ענט־ ... ער האָט גערעכענט זיך — יכע לעקציעס אין איטאַליעניש.

... אָס ער האָט זיך באַלד. אַנקו־ יאָרק בעקענט מיט קלעמענט קלאַרק חבר פון ערשטען העברעאישען לעקסי־ ען אין אַמעריקע — האָט זיך איהם ... זיי וויפלאַן.

... אַמאָליגען ברען און ענטוז־ רגעגעבען זיין אַרבייט.

... אַפּיל וועלוגען אָפּצושפּאָרען אַ ... וואָס ער האָט שפּעטער געעפענט מיט אַ שותף. דער שותף האָט איהם

... עה „נייער פאָלקסבלאַט" נומער 63.

אָבער באַלד אַזוי עקלעהאַפט און מיאוס בעשווינ־ דעלט, אַז ער האָט ווידער געמוזט ענטלויפען פון ניו יאָרק. דאָסמאָל קיין פּענסילוואַניע, וואו זיין ווייב'ס ברודער איז געווען אַ פּראַקטיצירענדער דאָקטאָר.

ער האָט זיך ווידער געעפענט אַ געוועלבעל, און ס'איז איהם ווידער געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ, און ער האָט זיך צוריק געמוזט אומקעהרען קיין ניו יאָרק, מיט אַ פערמעגען, וואָס איז בוכשטאַ־ בען פון עטליכע ביכער און די אָפּגעטראָגענע מלבושים אויף זיין זיבעציג־יעהריגען קערפּער.

אין ניו יאָרק האָט זיך איהם באַלד איינגעגע־ בען צוריק צוזאַמענצושטעלען די קלאַסען, און אין 1821 האָט ער שוין געהאַלטען עפענטליכע לעקציעס וועגען איטאַליען אין וועלכע ער האָט פיירטיידיגט זיין פאָטערלאַנד נעגען געוויסע אָנפאַלען אין דער פּרעסע.

זייענדיג אַ גאַסט אין דער מילאַנערישער היים פון רזשאַן ר. ליווינגסטאָן (שטראַסבורג ביים האָד־ סאָן), האָט ער איבערזעצט אין איטאַליעניש ביי־ ראָנ'ס „נביאות וועגען דאַנטע". שפּעטער האָט ער בשותפות מיט זיין זוהן געעפענט אַן איטאַליעניש בוך־געשעפט און אין 1831 פערעפענטליכט די ערשטע אויפלאַגע פון זיינע מעמואַרען. צו דערוועל־ בער צייט האָט מען איהם צוגעטיילט אַ כבוד, אויף וועלכען ער האָט זיך זיכער נישט גערעכט. ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּראָפעסאָר פון איטאַליע־ נישער ליטעראַטור אין קאָלאָמביא־אוניווערזיטעט, און צואַמען מיט פּיעטראָ באַטשי, פון האַרוואַרד, אין זעלבינען יאָהר — דער ערשטער פּראָפעסאָר פון איטאַליעניש אין די פעראייניגטע שטאַטען, כאָטש קיין תלמידים האָבען זיך נישט געפונען און קיין געהאַלט איז נישט געווען.

שפּעטער האָט זיך אין ניו יאָרק צום ערשטען מאָל בעוויזען סיניאָר גאַרשאַ'ס איטאַליענישע אָפּע־ ראַ־טרופּע. דאַ פּאָנטע איז אַוועק צו גאַרשאַ'ן און זיך פאָרגעשטעלט אַלס מחבר פון „ראָן דזשיאָ־ וואַני" גאַרשאַ האָט פאַר גרויס התפּעלות איהם שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצען און מיט איהם אַרומגעטאַנצט אין צימער, ווי אַ קינד, זענגענדיג

אַנ'אַריע פון „ראָן דזשיאָוואַני".

„ראָן דזשיאָוואַני" איז אויפגעפיהרט געוואָ־ רען אין פריהלינג 1826, און דאַ פּאָנטע איז געווען מלא שמחה. שפּעטער האָט ער מיטגעהאָלפען אַ־ ריבערצוברענגען קיין אַמעריקע די ערשטע אייראָ־ פּעאישע אָפּעראַ־געזעלשאַפט, וועלכע האָט אויפגע־ פיהרט איטאַליענישע אָפּעראַס, און געהאַט אַ קאָ־ לאָסאַלען... דורכפאַל.

דער נישט מיד־ווערענדיגער פיער־ און אַכ־ ציג־יעהריגער דאַ פּאָנטע האָט זיך געבאַרנט געלט און אויפגעבויט אַנ'איינען אָפּעראַ הויז. דאָס איז גע ווען אַנ'אויסערגעוועהנליך שעהנע געביידע, וואונ־ דערליך אויסגעשטאַט אינעווייניג. ניו יאָרק איז אָבער נאָך נישט געווען בכח אויפצוהאַלטען אַ בע־ שטענדיג אָפּעראַ־הויז, און ווען צו די אַלע גליקען אין נאָך דאַ פּאָנטע'ס שותף פערשוואונדען, האָט ער עס געמוזט אויפגעבען און פערקויפען.

אַנדערע צרות זענען אונטערגעקומען. נענסי, זיין איבערגעגעבענע לעבענס־בעגלייטערין, איז גע־ שטאָרבען. זיינע שילער האָבען איהם פערלאָזט. אין דער אָרימער ניו יאָרקער וואוינונג האָבען איהם אונטערהאַלטען פון איבערגעפּאַקטע און ענטוואַסטי־ נאָך געקלונגען אין די אויערן די בראַוואָ־געשרייען שע פּובליקום.

מיט'ן פולען בעוואוסטזיין, אַז ער האָט שוין געלעבט צו לאַנג און אַז ווייטער לעבען האָט קיין זין נישט, איז ער געשטאָרבען דעם 17־טען אוי־ גוסט 1838. מען האָט איהם מקבר געווען אויף דעם קאַטוילישען צמענטער.

די לויה האָט געצויגען אַ גרויסען עולם. צווי־ שען זיי — שרייבער, פּראָפעסאָרען, אָפּעראַ־זינגער און די שילער, וועלכע האָבען געפיהלט, אַז זיי האָ־ בען נעקרוועט זייער גרויסען לערער.

מיט יאָהרען צוריק איז דער „קעניג פון די אַמעריקאַנער מוזיק־קריטיקער" קרעהביל, אַוועק יענעם צמענטער, בלויז כדי אויפצוזוכען דאַ פּאָנ־ טע'ס קבר — און נישט געפונען.

מען ווייסט אפילו נישט, וואו זיינע ביינער זע־ נען אומגעקומען.

ש. ג.

שאוולער ישיבה-בחור

ריכטער אין אמעריקא.

דער רעדאַקטאָר פון ביאַליסטאָקער „נייען לעבען" פסח קאַפּלאַן בעשרייבט זיין רייזע אין אַמעריקאַ. מיר ברענגען דאָ אַ בילד פון איינעם פון זיינע בעשרייבונגען:

איך בין געזעסען, געקוקט און געהערט די געריכטס־פערהאַנדלונגען און האָב אין געדאַנק זיי פערגליכען מיט אַנ'עהנליכער סצענע אין דער היים.

ביי אונז, ווען מען זיצט אין אַ געריכט, שפּירט מען, אַז עפּעס אַ העכערער כוח שוועבט איבער דעם הויז, וואָס האַלט אין צוואַנג אַלעמען, פונ'ם הויפּט־ריכטער ביז'ן וואַכשני. דער ריכטער איז בלויז אַ געהעהר אין דער האַנד פונ'ם געזעץ, אָדער פון זיין געוויסען, וואָס איז אויך אַ נישט געשריבענער געזעץ, אויף אַלעמענס פּנים'ער איז אויסגעגאָסען אַנ'אומגעהייערע אָנגעשטרענגטקייט־ פון עפּעס אַ מין מורא־שכים, און אויב דער פּראָ־ קוראָר, אָדער אַדוואָקאַט, שפּילט זיך אַמאָל מיט אַ בליי־שטיפט, אָדער מיט זיין זייגער־קייטעלע, איז עס ניכער אַנ'אויסדרוק פון נערוועזישקייט.

דאָ איז אָבער די שטימונג אַ גאַנץ אַנדערע. אויך דאָ שטעהען אַלע ברחילו ורחימו פאַר אַ העכערער מאַיעסטעט, אויך דאָ וועט קיינער נישט ריה־ען מיט קיין האַנד, נישט אַרויסברענגען קיין העכערען קלאַנג. אָבער דאָס איז אַלץ מחמת מורא פאַר דער מאַיעסטעט פון'ם אַבסאָלוטען מושל, דעם ריכטער, און ער, דער ריכטער, האָט לחלוטין נישט איבער זיך און נישט אין זיך. זיין שפּילען זיך מיט'ן בליישטיפט איז פשוט אַנ'אויסדרוק פון באַ־ לעבאַטישער רוהיגקייט, זיכערקייט, איינגעגלויבטקייט אין זיין אויבערמאַכט.

פערשטעהט זיך, אַז נישט דער גאַט איז דאָ אַנ' אַנדערער, נאָר דער עיקר איז אויף וויפיל דער ריכטער איז אָפּהענגיג פון זיין נאַטשאַלסטווע —

אין אַמעריקאַ איז דער ריכטער אַבסאָלוט אומ־ אָפּהענגיג פון דער יורידישער מאַכט און ווייל ער ווערט געקליבען, פיהלט ער זיך ווי אַ באַלעבאַטישער בורר און אַזוי טאַקע האַלט ער זיך.

אַלע אין געריכט האָבען אויסגעזעהען ווי קרים טען, בלויז דער ריכטער איז געווען אַ יוד, פונ־ דעסטוועגען האָט עס איהם נישט געשטערט, צו פיהרען די גרענדע מיט געוועהנליכען אַבסאָלוטיזם, האַלטען אַלעמען אין דער מורא און אַליין האַל־ טען זיך אַזוי פריי — פשוט ווי ביי זיך אין דער היים...

און דער ראַזינער מושל יחיר האָט נאָך ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק, טאַקע דאָ אין טשיקאַגאָ געניט מענער־הויזען ביי אַ שניידער...

ווען דער פּראָצעס איז געווען פערענדיגט, און דער ריכטער פישער האָט זיך געהאַט אויפגע־ הויבען פון שטול, האָט סאַזיצקי זיך אויפגעשטעלט און איהם פון ווייטענס בעגריסט. דער ריכטער האָט אונז בעמערקט און אַראָפּגעהענדיג פון זיין הויכען שטול, האָט ער, אַזוי פונאַנדערגעוואָרפען מיט'ן צושפּילטען רעקעל, זיך דערנעהנטערט צום באַ־ יער, ענטקעגען אונז, מיר זענען שוין געגאַנגען צו איהם.

סאַזיצקי האָט, ביים באַריער, מיך פאָרגע־ שטעלט, און ריכטער פישער האָט אונז פערבעטען צו זיך. מיר זענען אַ ג־כגעגאַנגען אין הינטער־ צימער, וואו עס איז געזעסען אַ סעקרעטאַר און געשריבען, און זענען אַריין אינ'ם ריכטערס קאַבי־ נעט, אַ גרויסער ליכטיגער צימער, מיט אַ בּרייטען טיש אינמיטען און מיט עטליכע ביכער־שאַפעס ביי די ווענד.

פישער בעט אונז זעצען און הויבט אָן רעדען ענגליש, אָבער סאַזיצקי בעמערקט איהם:

— דער גאַסט קומט אָקאָרשט פון אייראָפּ (אייראָפּע) און רעדט נישט קיין ענגליש.

— אויב אַזוי, קענען מיר רעדען יודיש,— זאָגט פישער אין ליטווישער אויסשפּראַך, און איך האָב איך פאַר זיך דערזעהען דעם יודישען תלמיד־ חכם, ווי נאָר וואָס פון ישיבה אַרויס, עס האָט זיך איבערגעחזר'ט די מעטאַמאָרפאָזע, ווי ביים דע־ מאָקראַטער ראַבאַי הירשמאַן, ווען ער האָט אין אויטאָ, פאָהרענדיג פון בית־עולם, אָנגעהויבען רע־ דען מיט מיר יודיש. מאָרגע ווי די שפּראַך לייגט איהר שטעמפּעל אויף'ן פּנים! און נאָך געפינען זיך מענשען, וואָס ווילען אָפּלייקענען די נאַציאָנאַלע פערייטונג פון דער שפּראַך...

און גראָד איז און ריכטער פישער, ווי ראַ־ באַי הירשמאַן פון שאַזטל. אָט דערצעהלט ער אונז שוין אין אַ נוטען יודיש זיין ביאָגראַפיע, וואָס איז אַזוי פשוט, אַזוי טאָג־טעגליך. אַ קינד פון באַלע־ באַטישע עלטערען, געלערענט אין חדרים, אין ישי־ בות, פערשוואַרצט געוואָרען, געהונגערט און גע־ אַרבייט ביז אַרויפגעשלאָגען זיך. נו, וואָס איז דער חידוש? אין אַמעריקאַ זענען דאָך פערהאַן אַזוינע גאַנצע לעגיאָנען!

ריכטער פישער מאַכט אַ פויזע און פרעגט מיך וועגען דער לאַגע פון יודען אין פוילען. און עס חזר'ט זיך דאָ איבער דער עקספּערימענט, וואָס איך האָב שוין געמאַכט אין אַמעריקאַ צעהנדר־ ליגער מאָל: ווי נאָר איך הויב אָן צו רעדען, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט אויך וואָס צו דערצעהלען, און איך דאַרף איהם נאָר אויסהערען. כמעט אַלע אַמעריקאַנער האָבען אַזאַ טבע; זיי פרעגען ביים „יוראָפּישען", אָבער אין דער אמת'ן האָבען זיי שוין זייער מיינונג אַ פערטיגע.

— יאָ, די לאַגע איז אַ טרויעריגע, מיר האָבען אַ סך געהאָלפען, אָבער אַ לעכערדיגען זאַק קען מען נישט אָנשטאָפּען, און מיר האָבען אויך אונזערע איינענע פּראָבלעמען, איהר מוזט זעהן זיך אַליין העלפען. פערשטעהט זיך, וואָס מיר קענען, וועלען מיר אויך טון...

„מיר" הייסט מסתם דער „דזשאָינט".

און דער שמועס געהט שוין ווענען זיין אַר־ ביים דאָ אויפ'ן אָרט, ווי אַזוי עס קומט איהם אויס צו אַפּעלירען צו די היגע געלד־יעק, כדי חייך צו מאַכען זייערע גאָלדענע הערצער. און ביי מיר אין זכרון ווערט איינגעקריצט פאָלגענדיגע פראַגע:

— איך בין צופרידען אַרויסצוציהען געלד פון די גביר'ישע קעשענעס...

און איך טראַכט זיך בעת מעשה:

— ווער האָט עס געזאָגט, דער טשיקאַגער ריכטער, אָדער דער שאַוועלער ישיבה־בחור? — דער ריכטער האָט נאָך געמוזט עפּעס אַרבייטען, און לאַנג האָט אונזער שמועס נישט געדויערט, ווייל ער האָט מיך געבעטען קומען צו איהם מאָר־ גען נאָכאַמאָל, נאָך דער אַרבייט, כדי מיר זאָלען קענען פערברענגען אַביסעל לענגער.

צום בעדויערען האָב איך אָבער אויף מאָר־ גען נישט געקענט קומען צו דער צייט, און איך האָב שוין דעם ריכטער פישער מעהר נישט גע־ זעהען.

פסח קאַפּלאַן.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

דזשאָדזקאָ J.

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקה. פון מענער־שוואַכע צעליזען פון בלוט און אוריטאַלאַט אויף סיפיליס און טריפּער. קאָנסיליום מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָ- לאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.

קוואַרץ-לאַמפּ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט קאָסמעטיק.

-- טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אָוונט. --

פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכם.

נעמט- און ... די־דאָקטאָר פאַר קינדער און פרויען

זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.

- באַזונדערע וואַרטע־צימער פאַר פרויען. -

וויזיט 3 זל.

פּערפומעריע הורט און דעטייל! הורט און דעטייל!

D. MARKUS, Piotrkowska 59, tel. 28-02

בעזיצט שטענדיג אויף לאַגער די בעסטע אויסאַרבייטונגען פון פאָלגענדע פירמעס:

Tow. Akc. FR. PULS — Tow. Akc. „CAZIMI"

Sp. z o. o. „ELIDA" — Tow. „SUNLAJT"

Tow. Akc. „FORNARINA" — COTTY i HUBIGANT i inni

אַלעס צו פאַבריקס-פּרייזען!

... זוי אויך די בעוואוסטע ... אשטש צו פאַדלאַגעס

„Jaśniej Słońca"

בעמערקונג: כ נעהם אָן בעסטעלונגען טעלעפאָניש נומ' 28-02 און ס'ווערט זאָפאָרט אָבגעשיקט אַהיים.

קיין שום אַגענטען בעשעפטיג איך נישט.

די מאָדערנע פרויען ווילען אויך, אַז זייערע מענער זאָלען זיין גרעסער פון זיי.

ווי לאַנג צוריק איז עס געווען, ווען פרויען זענען געווען פרייגעהאַפּט און סוּרות׳דיג און צירליך געשמאַנען אויף די פערעסטאַלען, אויף וועלכע מענער האָבּען זיי אַוועקגעשטעלט. מען קאָן זאָגען, אַז אין די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר האָבּען פרויען געהאַלטען אין איין שפּרינגען פון די פערעסטאַלען, און איין ערקלערען, אַז זיי ווילען גאָר נישט סוּרות׳דיג, גאָר קיין געטינס נישט, און זאָל מען זיי לאָזען פריי בּעוועגען זיך אויף גאָטס ערד. אָבּער אין די גאַנצע פינף־און־צוואַנציג יאָהר האָבּען זיי פונדעסטוועגען נישט אויפגעהערט צו פאָדערען, אַז דער מאַן זאָל יאָ שטעהן אויף אַ פערעסטאַל. מיט ענטוזיאַזם פאָדערט פאַר זיך די פרוי דאָס רעכט צו זיין דאָס, וואָס זי איז. אָבּער פון דעם מאַן פאָדערט זי, אַז ער זאָל זיין דאָס, וואָס ער איז מעהרסטענס נישט — אַ העכערער סאָרט מענש, זעהר קלוג, זעהר אינטעליגענט; אַזאַ, אויף וועלכען זי זאָל מוזען קוקען פון אונטען אַרויף.

דער יונגער דור פרויען האָט אויסגעריכט פאַר זיך און צו דער גרויסער אומצופרידענקייט פון די מענער, געמאַכט צוויי ענטדעקונגען: ערשטענס, אַז דער פערעסטאַל אויף וועלכען פרויען פלעגען שטעהן, איז אומנאַטירליך און אומבּעקוועם, אַזוי, אַז זיי זענען גלייך פון איהם אַראָפּגעקראָכען, און באַלד ווי זיי האָבּען דערפיהלט אונטער זיך די האַרטע, פּשוט׳ע ערד, האָבּען זיי אויסגעדריקט אַ פעסטען פערלאַנג, אַז די מענער, מעג זיי זיין ווי אומבּעקוועם, זאָלען מוחל זיין אַרויפקלעטערען אין דער הויך, ווייל פרויען, אַלטמאָדישע צי נייטאָדישע, האָבּען הנאה אַרויפצוקוקען אין דער הויך צום מאַן. און דאָס, פון וואָס זיי האָבּען הנאה, מוז מען זיי געבּען.

אין דער הינזיכט זענען פרויען ווייניגער יושר׳דיג ווי מענער, ווען אַ מאַן האַלט, אַז אַ פרוי איז העכער פאַר איהם, פיהלט ער, אַז ער איז זי נישט ווערט. נישט אַזוי די פרוי. נישטאָ אַזאַ גאון אין דער וועלט, וואָס זי זאָל פיהלען, אַז זי איז איהם נישט ווערט.

דאָס נאַרישסטע מיידעל וועט זיך גאָר נישט קווענקלען חתונה צו האָבּען מיט אַ זשעני — זאָל זיך איהר נאָר מאַכען די געלעגענהייט און זי וועט זיין זיכער, אַז עס קומט איהר.

פערהאַן גלענצענדע געלערנטע, שריפטשטעלער, קינסטלער, וועלכע האָבּען נאַרישע, פּראָסטע פרויען. געוועהנליך געשעהט עס אין אַזעלכע פאַלען, ווען די מענער האָבּען חתונה געהאַט אין גאָר דער פריהער יוגענט אומבּעטראַכטערהייט, און איצט פערבּייסען זיי די ליפען און שלעפען דעם יאָך. אָבּער ווען די ראָלען וואָלטען געווען פערקעהרט, ווען די פרוי וואָלט געווען אַזאַ וויכטיגער מענש און דער מאַן אַזוי הינטערשטעליג, וואָלט זי נישט געווען אַזוי נערוועז צו איהם, ווי ער איז צו איהר.

פרויען ווילען דורכאויס, אַז זייערע מענער זאָלען זיין קלוג. די שעהנע, פלאַכע פנימ׳ער קאָנען נאָר געפעלען אַזעלכע פרויען, וועלכע זענען טאַקע קיין בּעסערס נישט ווערט. אַ שעהנער טענצער קאָן אויך אַמאָל געפעלען, אָדער אַ כאָריסט, אָבּער מען האָט מיט זיי נישט חתונה. פרויען פאָדערען פאַר זיך דאָס רעכט חתונה צו האָבּען מיט אַזעלכע, וועלכע שטעהן העכער פאַר זיי, אַזוי, אַז דער מאַן מוז בּלייבּען אויפ׳ן פערעסטאַל, צי עס געפעהלט איהם צי נישט, ווייל כאָטש פרויען שרייען אַזוי פיל וועגען גלייכהייט, ווילען זיי נישט זיין גלייך אין פערזענליכען לעבּען.

צי זאָל עס זיין דער בּיאָלאָגישער אינסטינקט, צי וואָס, נאָר יעדע פרוי כמעט פיהלט אין זיך די זיכערקייט, אַז זי קאָן זיין דאָס ווייבּ פון דעם גרעסטען מענשען אין דער וועלט, און מיר זעהען טאַקע פון דער אַנדערער זייט אַ סך מענער, וועלכע זענען גליקליך מיט זייערע פרויען, כאָטש יענע שטעהען פיל נידעריגער פאַר זיי. עס קאָן נאָך גאָר אַמאָל זיין, אַז אַ מאַן זאָל האַלטען, אַז נאַרישקייט איז נאָר אַ מעלה אין אַ ווייבּ. אָבּער אינטעליגענטע פרויען שטעלען זיך נישט אַזוי גרינג צופרידען מיט מענער.

די פערליבּטקייט קאָן אַמאָל זיין אַזוי גרויס, אַז דאָס מיידעל זאָל חתונה האָבּען מיט איינעם, פאַר וועמען זי האָט ווינציג רעספּעקט, אָבּער ווען דער ערשטער פלאַקער פון ליבּע לעשט זיך אויס, ווערט איהר מיט איהם לאַנגווייליג.

דערצו קומט נאָך צו וואָס אַ פרוי האָט געוועהנליך מעהר פרייע צייט ווי דער מאַן. זי קאָן זיך דעריבּער גיכער אָפּגעבּען מיט קולטורעלער אַרבּייט, געזעלשאַפטליכער אַרבּייט, און איהר איז שווער צו פערטראָגען וואָס איהר מאַן געהט אָן די הויכע ענינים נישט אָן.

אין אַנהויבּ פרובּט זי זיך טרייסטען דערמיט, וואָס ער איז קלוג אין אַנדערע הינזיכטען. ער פערשטעהט, למשל, אַזוי גוט זיין געשעפט, טראַכט זי, טאַ פאַרוואָס זאָל זי נאָך פאָדערען, אַז ער זאָל זיין אַ מבין אויף מוזיק? זי האָט איהם ליבּ און איז איהם גרייט אַ סך מוחל צו זיין. אָבּער מוחל זיין הייסט שוין קוקען פון אויבּען אַראָפּ. עס געהט אַוועק אַ שטיקעל צייט און זי הויבּט זיך אָן לאַנגווייליגען מיט איהר מאַן.

קיין פרוי וויל נישט האָבּען קיין לאַנגווייליגען מאַן. זעהט איהר, פאַר זיך אַליין פאָדערט זי די פריוויל[ע]גיע צו זיין לאַנגווייליג. ווען זי איז גאָר יונג און שעהן, ווען זי איז זיכער, אַז זי איז פיזיש רייצענד, אַז זי קאָן אין זייער צוזאַמענזיין געבּען גליק דעם מאַן, האַלט זי עס פאַר גענוג. מעג זי זיין אַ גאָר פּראָסטע פרוי, ווייסט זי, אַז זי איז ווערט דעם אינטעליגענטסטען מענשען אין דער וועלט. זי נעהמט זיך די פרייהייט צו זיין ווי זי איז, נאָר דעם מאַן ערלויבּט זי עס נישט. ער מוז זיין נישט אַזאַ ווי ער איז, נאָר אַזאַ ווי עס געפעהלט איהר.

עס איז אַ ליגען, אַז פרויען ווילען זיין גלייך מיט מענער. זיי פאָדערען פאַר מיידלעך און יונגלעך די זעלבּע שאַנסען אין ערציהונג און בּילדונג. זיי פאָדערען, אַז מענער און פרויען זאָלען קריגען דעם זעלבּען לוין פאַר אַרבּייט. נאָר ווען עס קומט צום פערזענליכען לעבּען, ווילען זיי, אַז די מענער מיט וועלכע זיי האָבּען חתונה, זאָלען זיין נישט גלייך מיט זיי, נאָר גרעסערע מענשען.

ק. ל—ן.

Teatr Popularny
Ogrodowa 18, tel. 78-00.

פון שבּת, דעם 16 מערץ ד. י. טעגליך 8[20] אווענד
אַלי־בּאַבּא
פון שבּת, דעם 16 מערץ ד. י. און די
פירציג רויבּער
מזרח לעגענדע פון טויזענד און איין נאַכט מיט געזאַנג און טענץ אין 7 בּילדער פון ק. לעקא. דעקאָראַציעס פון קונסט מאָלער רודאָלף שקאַרא. אָריענטאַלע טענץ לויט אויפטראַג פון מ. קרוקאָווסקי. רעזשיסירט פון י. פּילאַרסקי און א. מילער.
די קאַסע איז טעטיג טעגליך פון 10 פריה בּיז 9 אווענד אָהן איבּערייס. געוועהנליכע פרייזען: פון 50 גראָשען בּיז 3 זלאָטעס.

קליישען
דרוקערייען פערלאַגען רעקלאַמען
GALWANO PIOTRKOWSKA 101 tel. 57-65

Biuro Handlowo-Korespondencyjne
„LISTOPOL"
Łódź, ul. Konstantynowska 7.
פערטרעטונגען, האַנדעלס־קאָרעספּאָנדענץ און רעדאַגירען פריוואַט־בּריף, ווי אויך אָפּערטען אין דער פּוילישער און פרעמדע שפּראַכען. אַלע שריפטליכע אַרבּייטען ווערען פּינקטליך אויסגעפירט און דיסקרעט איבּערשרייבּונגען אויף שרייבּ־מאַשין.

Dr. med. STUPEL
.12 Szkolna 12.
ספּעציאַליסט פאַר הויט־, האָר און וועגעריש קראַנקהייטען, מענער־שוואַכע, לישאַ אונרשק, רענטגען־שטראַהלען און קוואַרץ־ליכט, עלעקטראָ־טעראַפּיע.
נעהמט אָן פון 6 בּיז 9 אין אווענד.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און דענטיסטישער קאַבּינעט.
נאַווראָט 11, טעלעפאָן 37-63
אָפען פון 9 פריה בּיז 7 אווענד.

ד״ר איזיק נאָז, האַלז, אויערן קר.	4½—3½
ד״ר ספרשנער קינדער־קראַנקה.	11-9 4½-3
ד״ר שיפּמאַן אינערליכע קראַנקהייטען	2—12
ד״ר רובּינש הויט און געשלעכט־קר.	1½—12½
ד״ר שמידגעלד נערווען און גייסטיגע קר.	2—1
ד״ר גאָלדבּלאַט אויגען־קראַנקה.	1½—12½
ד״ר חיים כירורגישע קראַנקהייטען	3—2
ד״ר פערנאַז פרויען און געבּורטס־הילף	4—3

פּאָליב־טעראַפּיע, שפּראַך־שטערונגען די שטאַמלען א. א. די פּאָקען־שטעכן, קינסטליכע בּערג־זון־בּעשטראַהל. איינ־שפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, טעראַפּיע, אויף טערלעטנג הייזעמען און שטאָט. אין לעבּאָראַטאָריום ווערען אַנגענומען אַלע סאָרט אַנאַליזען, אויך פלעגמע און בּלוט.
אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.
בּיי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
אַ רענטגען־אינסטיטוט.

ד״ר לאַזשינסקי טעכנישער צאָהנאַרצט
צאָהן־אַרצט 10—1 6—3
קינסטליכע צייהן, קראָנען, פּלאָמבּען א. ז. וו.

די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY
Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26
Dojazd tramwajami 16 i 10.
Od wtorku, dnia 12 marca do 18 marca 1929 r. wł.
CHATA WUJA TOMA
Dramat w 12-tu aktach, według rozgłośnej powieści Harriety Beecher Stowe
Następny program:
KRÓL DŻUNGLI

צאָהן־אַרצט
Jakób Karmazyn
POŁUDNIOWA 2.
פאַר פערזיכערטע פון קראַנקען־קאַסע בּיים בּעשטעלען קינסטליכע צייהן ווערען די קראַנקע צייהן אַרויסגענומען און געהיילט אומזיסט.

Dr. med.
H. LAJCHTER
צאָהן־כירורג
דזיאַסלעס־, קין־, גימען־ און צונג־קראַנקהייטען.
Konstantynowska 9.
telefon 49-66
od 1½—5 po pol. 4604

אַ טיכטיגער
סאָדעוואַסער־אַבּציהער
ווערט געזוכט אין סאָדע־וואַסער פאַבּריק בּיי נאָמאַלינסקי, קילינסקי 97.
[illegible] 4922

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט־ און וועגעריש קראַנקהייטען [illegible]
נעהמט אָן פון 4—7 אין אווענד

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאָלאָג־אַקושער
זגערזשער 11.
טעל. 34-72
נעהמט אָן פון 6—8 אווענד.

אַ מאַן 44 יאָהר אַלט קינדערלאָז, בּעזיצט אַ קאַפּיטאַל פון עטליכע טויזענד דאָלאַר זוכט בּעקאַנטשאַפט מיט אַ אינטעליגענטער פרוי פון אַ 40 יאָהר אַלט, וועלכע האָט אַ גוט איינגעפיהרט געשעפט, עס קאָן אויך זיין פון דער פּראָווינץ. צושריפטען [illegible] געוואונשען, אָפּערטען אונטער „I. L." אין אַדמיניסטראַציע.

Dr. med.
L. Pikielny
אורלאָג
ספּעציעל אַרצט פאַר נירען בּלאָזן־און האַרן־קראַנק
NAWROT 8
tel. 19-90
עמפּפאַנגט פון 4—7 אָוו. נעהמט אויך אָן אין דער לעטשניצע „Zdrowie" נאָוואָמיעיסקאַ 3 פון 12½ בּיז 2 זייגער נאָכמ.

וויכטיג פאַר קאָנדיטאָריי בּעזיצער און שאָקאָלאַד־פאַבּריקאַנטען!
איך מאַך בּעקאַנט, אַז איך בּעזיץ שטענדיג אויף לאַגער פרישע
פּאָמעראַנצען־שאָלעכץ
אין פערשידענע קוואַנטומס צו צוגענגליכע פרייזען. פ. יוזעפאָוויטש
בּזשעזשינער 2, טעל. 77-04.

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46
קראַנקהייטען פון די בּיינער, געלענקען, קרימבּונגען פון די פּלייצעס און גלידער.
[illegible]
[illegible]
עמפּפאַנגט פון 5—7 אין אָוונט.

ד״ר מ. קאַליש
צאָהנאַרצט
צאָהן־ און מונד־קראַנקהייטען, צאָהן־כירורגיע.
נעהמט אָן פון 11—2 און פון 6½—8 אין אווענד, זונטאָג פון 12—2 מיטאָג.
זשעראָמסקיעגאָ (פאָנסקאַ) 37.
נעהמט אָן אין דער לעטשניצע פּאָמאָץ, אַלעקסאַנדראָווסקאַ 1 פון 3 בּיז 5 נאָכמיטאָג.
4807

מעכאַנ. שלאָסעריי און שווייסעריי
J. REDER
ŁÓDŹ, Konstantynowska 11
(Róg Zachodniej)
נעהמט אָן אַלערליי שלאָסעריי־אַרבּייטען צו בּיליגע פרייזען און פּינקטליכע אויספיהרונג.
פּריוואַט־וואוינונג: גדאַנסקאַ 20.

LEKARZ DENTYSTA צאָהן־אַרצט
St. GELBERG
זאַכאָדניאַ 15, טעל. 31-08
היילט גאַנץ פערנאַכלעסיגטע צייהן־ און מויל־קראַנקהייטען, צאָהן־ציהונג אָהן שמערצען, מיט ליכט־בּעשטראַהלונג, ספּעציעלער לאַבּאָראַטאָריום פון קינסטליכע צייהן.
נעהמט אָן פון 9 פריה בּיז 7 אָוונט.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און ערצטליך־דענטיסטישער קאַבּינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד״ר ראַקאָווסקי נאָז, האַלז, אויערן קר.	10—12 5—3, 7—6
ד״ר ראָזענער הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—3
ד״ר גאָלדשטיין אויגען־קראַנקהייטען פּעלץ	1—2 7—8
ד״ר יוסטמאַן נערווען קראַנקהייטען	12—2 [illegible]
ד״ר ראָזענצווייג קינדער־קראַנקהייטען	10—12 5—6
ד״ר פּאַפּערני פרויען און געבּורטס־הילף	11—1½ 5—6
ד״ר קאָנאָר כירורגישע־קראַנקהייטען 4—5	1—2
ד״ר וויינבּערג אינ. וואַרץ לונגען־קר.	12—1, 6—7
ד״ר כאַזאַל רענטגען	10—12 4—6
א. גראָדזענסקי צאָהן־אַרצט	5—7
נ. ראָזעס צאָהן־אַרצט	3—2

צאָהן־בּעהאַנדלונג, בּעלייכטונגען, קראָנען, פּלאָמבּען א. א. וו.
בּיי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
אַ רענטגען־אינסטיטוט
[illegible]
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.
ווידזעוו אין דער שטאָט.
קורץ־קאָסמעטיש קאַבּינעט
[illegible] נעהמט אָן פון 6—7 [illegible]

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט־קראַנקה. בּעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע.
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 59-40
נעהמט אָן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אווענד.
בּעזונדערער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. I. WAJNBERG
CEGIELNIANA 47, tel. 76-02
אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען־ און האַרץ־קראַנקהייטען, בּעשטראַהלונגען און קינסטליכע בּערג־זון. אין דערהיים פון 3—5 נאָכמיטאָג.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערן, נאָז, האַלז־ און לונגען־קראַנקה.
קאָנסטאַנטינער 9, טעל. 27-81.
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעהמט אויך אָן אין לעטשניצע, זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—3

דאס לאדזשער לעבען

17	מערץ
זונטאג	זון-אויפגאנג 5.51
ה	זון-אונטערגאנג 5 40
אדר ב׳ תרפ״ט	

האנדעלס-קאמער אנגעהויבן די טעטיקייט

(—) פרייטאג ביינאכט איז אין לאקאל פון גרויס-אינדוסטריעלער פעראיין פארגעקומען א זיצונג פון פרעזידיום פון דער לאדזשער האנדעלס-קאמער.

די זיצונג האט געעפנט פרועס ראבערט גייער, וועלכער האט מיטגעטיילט די מיטגלידער פון פרעזידיום דעם אינהאלט פון׳ם בריף, וואס איז דערהאלטען געווארען פון האנדעלס-מיניסטעריום וועגען דער נאמינאציע פון אינדוש. קארל בייער אלס דירעקטאר פון דער לאדזשער האנדעלס-קאמער.

דאן האט פרועס גייער איבערגעגעבען דעם וויצע-פרעזעס ד״ר יוזעף זאקס א בריף, אין וועלכען ער טיילט מיט, אז אין צוזאמענהאנג מיט זיין דעקלאראציע פון 18. יאנואר רעזיגנירט ער פון זיין מאנדאט אלס פרעזעס פון דער האנדעלס-קאמער.

א עהנליכע ערקלערונג האט אויך אפגעגעבען דער וויצע-פרעזעס פון דער האנדעלס-קאמער הענריק בארטשינסקי.

ד״ר זאקס האט אויסגעדריקט זיין בעדויערען צוליב דער רעזיגנאציע פון די פארשטעהער פון דער גרויס-אינדוסטריע און האט זיך געווענדעט מיט א ביטע, אז די גרויס-אינדוסטריעלער זאלען אנטיילנעהמען אין די ארבייטען פון דער האנדעלס-קאמער אויפ׳ן פלענום און אין די קאמיסיעס.

אלס ענטפער דערויף האבען די הערען ראבערט גייער און הענריק בארטשינסקי צוגעזאגט מיטצוארבייטען אין דער האנדעלס-קאמער.

(2) שבת 4 א זייגער נאכמיטאג איז אונטער׳ן פארזיץ פון וויצע-פרעזעס פון דער לאדזשער האנדעלס-קאמער ד״ר יוזעף זאקס חי״ער פארגעקומען א זיצונג פון פרעזידיום, אין דער זיצונג האבען אנטיילגענומען די וויצע-פרעזעסען באבראצקי און פידלער און דער ניי-בעשטימטער דירעקטאר אינדוש. קארל בייער.

ד״ר זאקס האט אין זיין ערעפנונגס-רעדע ערקלערט דעם אינדוש. בייער אלס דירעקטאר און דאן איז מען צוגעטרעטען צו דער טאג-ארדנונג, און נאמען פון דער ווירטשאפטס-קאמיסיע האט אפגעגעבען א בעריכט וועגען דינגען א לאקאל, רעדנער וויצע-פרעזעס פידלער, לויט זיין בעריכט שטעלט זיך ארויס, אז דער פאסענדסטער לאקאל, וואס איז גלייך צום איבערנעהמען איז אין הויז פון שייבלער און גראהמאן אויף טארנאווא 63.

דאן האט דירעקטאר בייער רעפערירט דעם פראגראם פון די נאהענטסטע ארבייטען פון דער האנדעלס-קאמער, זיין פראגראם איז אקצעפטירט געווארען דורכ׳ן פרעזידיום.

צום סוף איז בעשלאסען געווארען צו אנגאזשירען אלס וויצע-דירעקטאר דעם ביזאיצטיגען וויצע דירעקטאר פון דער קאטאוויצער האנדעלס-קאמער ה׳ הערבערט זאנר.

סכסוכים צוליב לוין-פאדערונגען
שטרייקען און קאנפליקטען

(2) שוין 7 חדשים דויערט דער שטרייק אין דער באנד-פאבריק פון דאמאנאוויטש אין לאדז, וויל די דירעקציע פון דער פאבריק האט געוואלט רייסען די לוינען אויף 33 פראצענט פון יעדען מעטער באנד. אלע קאנפערענצען ביים ארבייטס-אינספעקטאר האבען צו גארנישט געבראכט. די שטרייקענדע ארבייטער האבען בעת דעם לאנגען שטרייק אויסגעהאלטען דער פעראיין פון די בענדער-ארבייטער. ענדליך האבען די אינהאבער פון דער פאבריק זיך געווענדעט צום ארבייטס-אינספעקטאר מיט א מעלדונג, אז זיי וועלען צאהלען די פריהעריגע לוינען. צוליב דעם ווערט דער שטרייק פערענדיגט און די ארבייטער שטעלען זיך צוריק צו דער ארבייט.

א שטרייק קומט אויך פאר אין דער גומי-פאבריק פון ערנעסט וועבער (קאפערניק 3[5) דער שטרייק אין דער פאבריק דויערט שוין 48 וואכען. די פירמע האט געוואלט רייסען די לוינען אויף 50 פראצענט. דארט דויערט נאך דער שטרייק און די פירמע געהט נישט אויף קיין אונטערהאנדלונגען.

(2) ווי בעוואוסט האט אין דער זיידען-אינדוסטריע אויסגעבראכען א סכסוך צוליב דעם וואס די ארבייטער האבען געפאדערט א קאלעקטיווען אפמאך וועגען די ארבייטס-בעדינגונגען און ארבייטס-לוינען וועלן די אינדוסטריעלער האבען אפגעזאגט האבען זיך די ארבייטער געווענדעט צום ארבייטס-אינספעקטאר וועגען אן אינטערווענץ. די אינדוסטריעלער האבען דעם אינספעקטאר קלאר געענטפערט, אז זיי געהען איין אויף די בעדינגונגען, וועלכע עס האבען די ארבייטער אין דער פירמע קלינגע און שולץ. דער ארבייטס-אינספעקטאר רופט דערייבער א קאנפערענץ פון די ארבייטער, וועלכע דארפען דעם פארשלאג אקצעפטירען.

נישט קיין אונטערצינדונג
די בעשולדיגטע בעפרייט

(—) אין צווייטען טאג פון פראצעס געגען הענעך ליפשיץ און מאק, וועלכע זענען בעשולדיגט געווארען אין אונטערצינדען ליפשיץ׳ס פאבריק אויף סאלנא 11 זענען אויסגעהערט געווארען עטליכע צעהנדליג ערות, זייערע ערקלערונגען זענען געווען זעהר גינסטיג פאר די אנגעקלאגטע.

די ערות-פייערלעשער האבען ערקלערט, אז דאס פייער איז געווען א דראהענדעס צוליב דער גרויסער צאהל פון לייכטברענענדע מאטעריאלען וואס האבען זיך געפונען אין דער פאבריק, מ׳קען אבער נישט קאטעגאריש פעסטשטעלען, אז די פאבריק איז אונטערגעצונדען געווארען.

די ערקלערונגען פון 5 עקספערטען זענען אויך אויסגעפאלען זעהר גינסטיג פאר די בעשולדיגטע. נאך דער רעדע פון פראקוראר און די פערטיידיגער, האט דאס געריכט נאך א לאנגער בעראטונג ארויסגעטראגען אן אורטייל, לויט וועלכען ביידע אנגעקלאגטע זענען אינגאנצען בעפרייט געווארען.

טראגישע קאטאסטראפע
ביים גרובען א ברונעם איז א ארבייטער דערהרג׳עט געווארען און 4 ארבייטער פערוואונדעט

אויף פלאץ דאבראוסקא 5 ווערט ווי בעוואוסט, אויסגעפערטיגט א בנין פאר׳ן קרייז-געריכט אויף שטח פון דעם בוי ווערט געגראבען א ברונעם, ביי ער ארבייט זענען געכטען געווען בעשעפטיגט 5 ערוזאן. אין מאמענט, ווען מען האט געדארפט א אפלאזען אין ברונעם איינעם פון די ארבייטער, איז פלוצים עפעס קאליע געווארען און די קארבע האט זיך אנגעהויבען דרעהען מיט איא אימפעט, אז נישט נאר עס האט קיין רעדער נישט געקענט זיין, וועגען אפשטעלען די קארבע, נאר די ארבייטער וועלכע זענען געשטאנען דערנעבען האבען נישט בעוויזען אפצושפרינגען און איין ארבייטער דער 28-יעהריגער איגנאצי מארטעלוס (לאגטשנא 47) האט בעקומען מיט דער קארבע איא קלאפ, אז ער איז אין א קורצע צייט אין שפיטאל געשטארבען, דעם צווייטען ארבייטער דעם 40-יעהריגער יאן לעוואנדאווסקי האט בעקומען א שווערע וואונד אין קאפ און מען האט איהם אויך אפגעפיהרט אין שפיטאל אויף דרעווגאווסקא, די ארבייטער באלעסלאוו מאזור, זולאדיסלאוו סיבירסקי און יאן יאניצקי האבען בעקומען שווערע וואונדען און די פאגאטאוויע האט זיי ערטיילט די ערשטע הילף.

ווייטערע פראטעסטען געגען פראיעקט צו העכערען ס׳דירה-געלד

(ב) נעכטען זענען אין פיל הינע גרעסערע פאבריקען פארגעקומען מאסען-פערזאמלונגען פון די ארבייטער, אויף וועלכע ס׳איז ענערגיש פראטעסטירט געווארען געגען דעם פראיעקט פון העכערען דאס דירה-געלד.

דער אלגעמיינער פראטעסט וועט איבערגעשיקט ווערען צו די געזעצגעבענדע אינסטאנצען קיין ווארשא.

פאלש געלד

(2) אין די לעצטע צייט האבען זיך אין לאדזשער וואיעוואודזטווע בעוויזען מאסענהאפטע 5-זלאטיגע פאלשע באנקנאטען, נעכטען האט די פאליציי אין ראדאמסק ארעסטירט די באנדע, וועלכע האט פערשפרייט די פאלשע באנקנאטען, דאס זענען שמואל אבראמאוויטש, זיגמונד דאמבראווסקי, אנטאניועמסטא און סטעפאן פאפיעלאק, ביי די ארעסטירטע האט מען געפינען עטליכע וואליזען מיט פאלשע באנקנאטען.

אונטערן צוג

(2) נעכטען איז לעבען דער סטאציע קאליושקי ארונטערגעפאלען אונטער׳ן צוג דער 16 יעהריגער קאזשמיעזש פאווליאק, שטענדיגער איינוואוינער פון דארף בענדושעלין, די רעדער פונ׳ם צוג האבען אפגעשניטען ביים אומגליקליכען דעם רעכטען פוס. מען האט איהם געבראכט אויף דער סטאציע לאדז-פאבריטשנא, און די פאגאטאוויע האט איהם פון דארט אפגעפיהרט אין שפיטאל.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאז און א. קאמפאניעץ.

אנשעל שאר׳ס אמעריקאנער יודיש טעאטער

אויפ׳ן אלגעמ. פערלאנג פון פובליקום פערבלייבען נאך אויף א קורצע צייט אונזערע גרויסע געסט

אין

דארא ווייסמאן אנשעל שאר

היינט, זונטאג, דעם 17-טען מערץ ד. י., 9 א זייגער אוונד

„ווייב און געליבטע"

אנשעל שאר׳ס גרויסע אמעריקאנער און ווארשאווער סענסאציע.

די הכנסה געהט לטובת דעם פעראיין „הכנסת כלה" פון וואלבארסקא 20.

מארגן, מאנטאג, דעם 18-טען, 9 אוונד צו פאפולערע פרייזען

דארא ווייסמאן „ווייב און געליבטע"

אין איהר גרויסען שלאגער

דינסטאג, מיטוואך, דאנערשטאג, ווערט נישט געשפילט.

ס׳נעמט אנטייל (לויט א. ב.) פרויען: בעזמאן, באריסאווא, מאכראווסקא, נערה, פאדערמאן, קארעני, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.

אדמינ.: מ. ארנוואלד. מוזיק לייטער: ל. זעלמאן. בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע.

אנאנס!!! די נאהנטסטע פרעמיערע-דער שלאגער פון אלע אפערעטען פון דארא ווייסמאן און אנשעל שאר אנאנס!!!

„זיין יודיש מיידעל" מיט 25 נומ׳ מוזיק, שענער באלעט, נייע דעקאראציעס, ספעצ. קאסטיומען, הערליכע עפעקטען.

רעגיסטראציע פון אלע פעראיינען און געזעלשאפטען אין לאדז

די שטעטישע סטאראסטווע מעלדעט אלע געזעלשאפטען, וועלכע עגזיסטירען אין לאדז און זענען רעגיסטרירט דורך דער אדמיניסטראטיווער מאכט אז זיי דארפען ביז׳ן 15 אפריל שריפטליך מעלדען דער סטאראסטווע (קילינסקי 152) וועגען דעם לעגאליזירטען סטאטוט און אנווייזען דורך וועמען דער סטאטוט איז לעגאליזירט געווארען, אונטער וואס פאר א נומער און אין וועלכער דאטע, דער ארעס פון דער געזעלשאפט אין די איצט אמטירענדע פערוואלטונגס-מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, זייערע פונקציעס און אדרעסען.

די געזעלשאפטען, וועלכע וועלען ביז צום בעשטימטען טערמין נישט אנגעבען די אלע פרטים וועלען אויסגעשטראכען ווערען און פעררעכענט ווערען אלס נישט עקזיסטירענדע.

לאדז בעקומט א הלואה

(—) נעכטען ביינאכט זענען געקומען פון ווארשא דער פרעזידענט זשעמיענצקי און לאוויניקקיק, וועלכע האבען קאנפערירט אין פינאנץ-מיניסטעריום מכח די אינוועסטיציע-הלואה פאר לאדז.

די אונטערהאנדלונגען האבען זיך גערוקט ווייט פאראויס, אזוי אז ביז׳ן 1 אפריל וועט דאס פינאנץ-מיניסטעריום שוין ענטגילטיג בעשטעטיגט די הלואה פאר לאדז.

לאניוכא דערלאנגט אן אפעלאציע

(2) נעכטען ארום 1 א זייגער האט אין דער פירמע אויף קאפערניקגאס בעזוכט דעם מערדער לאניוכא זיין אדוואקאט ה׳ לילקיער. לאניוכא האט אונטערגעשריבען די אפעלאציע. די אפעלאציע וועט פונ׳ם קרייז-געריכט איבערגעשיקט ווערען אין ווארשאווער אפעלאציע-געריכט.

ווי מען אינפארמירט אונז וועט לאניוכאס פראצעס אין ווארשא פארקומען ערשט אין יולי אדער אויגוסט. לאניוכא וועט קיין ווארשא צום פראצעס איבערגעפיהרט ווערען נאר אין דעם פאל אויב דאס געריכט וועט איהם ארויספאדערען, כדי איבערצוגעבען א פסיכיאטרישער אויספארשונג.

די פסח-פעריען אין די יודישע שולען.

(ב) אזוי ווי צוליב דעם פראסטיגען ווינטער האבען די שול-קינדער פערלוירען א סך שול-טעג האט דאס קוראטאריום בעשלאסען צו בעגרעניצען א ביסעל די פסח-שול-פעריען, וועלכע וואלטען אין די יודישע שולען היי-יאהר אויסגעפאלען צו לאנג. לויט א ספעציעלען צירקולאר וועלען די היי-יעהריגע פסח פעריען אין די יודישע שולען דויערן פונ׳ם 27-טען מערץ ביז׳ן 1 אפריל, און א חוץ דעם אויף די יודישע יום-טובים פונ׳ם 25 אפריל ביז׳ן 3 מאי.

אין די פוילישע מיטעל שולען וועלען די פסח-פעריען דויערן נארמאל 2 וואכען.

ארעסטירט א „שפרינגער"

(—) אויף זאוואדזקא גאס איז געפאהרען א וואגען סחורה, וועלכער האט געהערט צו שמעון ווינבערג, אין מיטען וועג איז אויפ׳ן וואגען ארויפגעשפרינגען א גנב, אראפגעכאפט א שטיק סחורה און ענטלאפען.

אויף עק זאכאדניא האט מען דעם גנב געכאפט און איבערגעגעבען אין די הענד פון דער פאליציי. דער „שפרינגער" האט זיך ארויסגעשטעלט אלס מרדכי דזשוויגאן פון קעלענבאך 28.

פאליטישע ארעסטען

(2) פאר פיהרען קאמוניסטישע טעטיגקייט זענען ארעסטירט געווארען אין טאמאשאוו בינא בארנשטיין, מרים יאקובאוויטש און שלמה ראזענצוויינ

מעטאדען פון קאנקורענץ-קאמף

פון דער פירמע PE-PE-GE געגען דער אקצ. געז. GENTLEMAN

צוליב דער רכילות פון דער פירמע פע-פע-גע זיינער-צייט האט דער אויספארשונגס-אמט אין לאדז ארויפגעלעגט אנ'ארעסט אויף 202 פאר קאפיטעס אויסגעארבייטען לויטוועשיק ביי דער פירמע אקצ. געז. „Gentleman".

די פירמע פע-פע-גע האט זיינערצייט בעקאנט געמאכט אין אלע צייטונגען, אז אין 2 אינסטאנצען שוין איז דער אויבנגער פראצעס פערשפילט געווארען דורך דער אקצ. געז. „דזשענטעלמען".

דאס אויבענדערמאנטע איז נישט אמת, ווייל אזא פראצעס איז דורך דעם געריכט אינגאנצען נישט געווארן בעטראכט.

איצט האט דער פאטענטען-אמט אין ווארשא, לויט'ן פארשלאג פון דער אקצ. געז. „דזשענטעלמען", ארויסגעגעבען א שוץ בעשטעטיגונג לויט № 1314 אויף דעם אויסשליסליכען רעכט צו בענוצען פון די דאזיגע קאפיטעס, וואס דער פאטענטען-אמט האט פאזיטיוו בעשטעטיגט, אז די קוועסטיאנירטע קאפיטעס פון דער אקצ. געז. „דזשענטעלמען" זענען געווענליך נישט ענליך צו די קאפיטעס פון דער פירמע „פע-פע-גע". ס'איז א כאראקטעריסטישער פאקט, אז אזא ערנסטע פירמע, ווי „פע-פע-גע", געפינט נישט קיין אנדערע קאנקורענץ-קאמפס-מעטאדען, ווי בענוצען זיך מיט אונבערעכטיגטע. פשוט פון פינגער אויסגעזויגענע בעשולדיגונגען, כדי אויף אזא אופן מאראליש און מאטעריעל צו שאדען זיינע קאנקורענטען. צי וואלט זיך די פירמע „פע-פע-גע" נישט געוואלט אפשטעלען בעסער דערויף, אז גוטע קוואליטעט און סאליד אויסקאלקולירטער פרייז, זענען געווען און זענען די בעסטע רעקלאמע-מיטלען.

די אקצ. געז. „דזשענטעלמען" בעצייכענט, צוליב דער דיפאמאציע פון דער פירמע „פע-פע-גע", די ענטשטאנענע היזקות אויף 3 מיליאן זלאטעס.

נישט ערלויבט פרוכטען-געוועלבער אפען צו זיין ביז 11 אוו.

(—) ווי מיר האבען שוין געשריבען האט דער קליינהענדלער-פעראיין זיך געווענדעט צו דער שטעטישער סטאראסטווע וועגען ערלויבען אפען צו האלטען די פרוכטען און זאדע-וואסער-געוועלבער ביז 11 אווענד.

אין מעמאריאל איז אנגעוויזען געווארען, אז די דערמאהנטע געוועלבער לייזען אמייסטען אווענד-צייט און זיי זענען דעריבער גרייט צו עפענען די געוועלבער שפעטער.

ווי מיר דערוויסען זיך איצט איז דער מעמאריאל נישט בעריקזיכטיגט געווארען דורך דער שטעטישער סטאראסטווע.

עס וועלען זיין גוטע שאסעען.

(ב) ווי מיר דערוויסען זיך האט די מאכט בעשלאסען צו פעריכטען די וועגען צווישען לאדז — לאגיעווניק, בראיצא — ווישניאווא-גורא, טושין — פאביאניץ און אנד. דער וועג לאדז — אלעקסאנדראוו דארף אויפ'ן שטח פון 1 קילאמעטער זיין אויסאספאלטירט און אויסברוקירט מיט גראניט שטיינדלעך, עס וועלען אויך אויף דעם זעלבען אופ'ן פערעכט ווערען די וועגען לאדז — פיעטרקאוו און לאדז — פאביאניץ.

פאר ארבייטסלאזע

(מ) דער מאגיסטראט טיילט מיט די פעראינטערעסירטע, אז די אקציע פון פונאנדערטיילען הייץ-מאטעריאל און לעבענסמיטעל וועט פארקומען נאר ביז'ן 20 ד. ח. נאך דעם דאזיגען טערמין, וועלען קיין שום רעקלאמאציעס נישט אנגענומען ווערען. אין אינטערעס פון אלע, וועלכע האבען נאך נישט רעאליזירט זייערע טאלאנען ליגט, אז זיי זאלען וואס גיכער אפנעהמען די קוילען אויף וועגנלאווא 3 און דאס לעבענסמיטעל אין איינעם פון די פאלגענדע געוועלבער; פושענדזעלניאנא 31. פיעטריקאווער 292, זשגאווסקא 59, ראדוואנסקא 43, אנישע 11, זגערזשער 54, בזשעזשינער 85, אלעקסאנדראווסקא 28.

שטיצע פאר אינטעלעקטועלע ארבייטסלאזע

אין פערלויף פון דער נייער וואך וועט דער ארבייטסלאזער-פאנד אויסצאהלען אינטערשטיצונג פאר די ארבייטסלאזע אינטעלעקטועלע. דאס ארבייט מיניסטעריום האט צו דעם צוועק אסיגנירט 14 טויזענד זלאטעס.

„קרעדיטאר"

אין פערלאג פון דער לאדזער אפטיילונג פון דער האנדעלס-או סקונפט-שטעלע קאזשימיעזש פערכאצקי איז ערשינען דער נומער 5 פון דעם צוויי-וואכענדיגען ווירטשאפטליכען זשורנאל „קרעדיטאר".

דער „קרעדיטאר" ענטהאלט א רייהע אקטועלע ווירטשאפטליכע, עקספארט און האנדעלס-ארטיקלען. דער „קרעדיטאר" וועט זיכער פעראינטערעסירען די ברייטסטע סוחרישע קרייזען.

פלייש מיט טריכין

(מ) נעכטען האט א קאמיסיע פון וועטערינאר-אמט פעסטגעשטעלט, אז אין דעם פלייש וואס ווערט געברענגט פון שטעטעל קראמסקי, קאנינער פאוויאט, געפינט זיך טריכין.

דאס פלייש איז פערניכטעט געווארען און ס'איז צוגעפגעשטעלט געווארען אנ'ענטשפרעכענדער פראטאקאל.

גרויסע שרפה אין באלוט

אפגעברענט דער דאך פון הויז אויף מלינארסקא 10.—ארימע יודישע איינוואוינער געבליבען אהן א דאך איבערן קאפ.

(—) פרייטאג פארטאג איז אויסגעבראכען א שרפה אין דעם הילצערנעם 1-שטאקיגען הויז אויף מלינארסקא 10.

פון אנ'אונבעוואוסטער סיבה האט פלוצלינג אנגעהויבען ברענען דער דאך און באלד האט זיך געמאכט א מוראדיגער מהומה צווישען די איינוואוינער פון דעם הויז, וועלכע בעשטעהען פון ס'רוב פון ארימע יודישע בעל-מלאכות.

די פערצווייפעלטע איינוואוינער האבען אנגעהויבען ארויסשלעפען זייער ביסעל ארימקייט אויפ'ן הויף און דערביי זענען די זאכען בעשעדיגט געווארען.

א טייל איינוואוינער פון די דאך-שטיבלעך זענען אבער נישט געווען אין דערהיים, מחמת זיי זענען בעשעפטיגט אין פאבריקען. זייערע זאכען זענען טאקע אינגאנצען פערברענט אדער פערגאסען געווארען מיט וואסער, בעת דער רעטונגס-אקציע פון די פייערלעשער.

דער דאך איז אינגאנצען אפגעברענט געווארען, אזוי, אז די איינוואוינער פון די בוידעם-שטיבלעך האבען איצט נישט קיין דאך איבער'ן קאפ.

סענסאציאנעלער ארעסט אין זאל פון קרייז-געריכט

(—) פרייטאג איז אין זאל פון לאדזער קרייז-געריכט דורכגעפיהרט געווארען א סענסאציאנעלער ארעסט.

בעת די פערהאנדלונגען אין א געוויסען פראצעס, האט א ריזשוירירענדער פאליציאנט בעמערקט צווישען פובליקום א פעררעכטיגען פארשוין.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער פארשוין הייסט קארל קימער, דער זעלבער קימער איז מיט א צייט צוריק בעפרייט געווארען פון טורמע אויף קויציע, ווייענדיג בעשולדיגט אין דערמארדען א געוויסען ווילהעלם ציניק. דערווייל איז אבער קימער נעלם געווארען.

איצט זיצט ער שוין אין טורמע.

קאנפליקט פון פויערים מיט דער קראנקען-קאסע

(—) ווי בעוואוסט, האט די קראנקען-קאסע אין טושינעק אויסגעבויעט א סאנאטאריע פאר לונגען-קראנקע. די קראנקען-קאסע האט אפגעקויפט ביי דעם דערפעל א שטח ערד, כדי ארורכצופיהרען א בעסערען וועג. אין א צייט-ארום האט די קראנקען-קאסע, אהן א פערשטענדיגונג מיט דער גמינע אפילו גענומען בויען א נייע הויז אויפ'ן אלטען וועג. די דארפס-לייט האט דאס פערדראסען און נעכטען ביינאכט האט זיך דאס גאנצע דערפעל פערזאמעלט אויפ'ן וועג, צונומען די געביידע, אפגעריסען דעם וועג און זיך רוהיג צוגאנגען אהיים.

שטאטישער בודזשעט

דער מאגיסטראט פערענדיגט איצט דעם בודזשעט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר.

ס'שטעלט זיך ארויס, אז די הכנסות פון דער שטאט, בעזונדערס די קאמונאלע שטייערן, זענען געווען פיל גרעסער ווי ס'האט פאראויסגעזעהען דער בודזשעט. דעריבער האט זיך דער מאגיסטראט געפונען פאר דער געצוואונגענער לאגע פארצושטעלען א צוגאב-בודזשעט.

דער עודף פון בודזשעט בעטרעפט א סומע פון 13,387,669 זלאטים, אויף דער דאזיגער סומע זענען געמאכט געווארען אויסגאבען.

דער בודזשעט פאר'ן 1928/29 האט בעטראפען צוזאמען מיט די שטעטישע אונטערנעהמונגען די סומע פון 57,480,398 זלאטים, צוזאמען מיט די איצטיגע צוגאב-קרעדיטען וועט אלזא דער בודזשעט פון דער שטאט לאדז בעטרעפען 75,398,081 זלאטים (דער צוגאב-בודזשעט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר וועט בעטראכט ווערען אויף דער זיצונג פון שטאט-ראט וואס איז צונויפגערופען געווארען אויף דאנערשטאג דעם 21. מערץ.

נייער שול-קוראטאר

(2) אויפ'ן ארט פון ביז איצטיגען שול-קוראטאר ה' ד"ר ריניעוויטש איז בעשטימט געווארען ה' יעושי נאראמסקי, דער ביז איצטיגער וויזיטאטאר פון די מיטעל שולען פון ווארשאווער קרייז, געוועזענער דירעקטאר פון לעלעוועל-גימנאזיום אין ווארשא.

דער נייער בעשטימטער קוראטאר קומט קיין לאדז דינסטאג.

די אקציע

אויסצוראטען די שטשורעס

(מ) אין דער געזונדהייטס-אפטיילונג ביים מאגיסטראט איז נעכטען פארגעקומען א קאנפערענץ מיט דעם געזונדהייטס-דעפארטאמענט ביי דער וואיעוואדזטווע און די פארשטעהער פון די הויז-בעזיצער-פעראיינען וועגען דער אקציע אויסצוראטען די שטשורעס, וואס וועט פארקומען אין גאנץ לאדז צווישען דעם 11 און 13 א ריל.

פון ארבייטס-געריכט

פערלענגערט דעם ארבייטס-טאג

(2) אויף דער בעשולדיגונגס-באנק אין ארבייטס-געריכט זענען נעכטען געזעסען דער זגיערזשער פאבריקאנט הערבערט קאלמאן, וועלכער איז געווען בעשולדיגט, אז ער האט בעשעפטיגט זיינע ארבייטער 12 שעה א מעת לעת, און די אינהאבער פון דער פירמע הערצבערג און קאהן (נאווראט 33), וועלכע האבען בעשעפטיגט זייערע ארבייטער 16 שעה א טאג, אין ביידע פאלען זענען די שולדיגע פערמשפט געווארען צו 50 זל. שטראף אדער 7 טעג א-עסט און דעקען די געריכטס-קאסטען צו 5 זלאטעס יעדער.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורטי

(2) נ. אנטאניעוויטש (פאביאניצער שאסיי 50); ב. כאנדזשינסקא (פיעטריקאווער 164); וו. כאקאלעוויטש (פשעיאזד 19); ר. רעמבעלינסקי (אנדזשעיא 28); י. זונדעלעוויטש (פיעטריקאווער 25); קאספערקעוויטש (זגערזשער 54); ס. טראווקאווסקא (בזשעזשינער 56).

טרינקט נישט

קיין רויהע מילך!

(מ) צוליב דעם, וואס ס'איז נישט פערהאן קיין גענוגענדע סאניטארע קאנטראל איבער דער מילך, וואס געפינט זיך אין האנדעל אין לאדז, ווארענט דער מאגיסטראט, אז קיינער, בעזונדערס קינדער, זאלען נישט טרינקען קיין רויהע מילך.

די פערשידענע מילך וואס ווערען פערקויפט אונטער'ן נאמען „זדראוואטנע", „סאניטארע" א.א.וו. זענען נאר ריינע רעקלאמע-ארטיקלען און ווערען נישט קאנטראלירט דורך דער געזונדהייטס-אפטיילונג ביים מאגיסטראט.

לאנדווירטשאפטליכע צוגרייטונג פון עמיגראנטען

כדי צו געבען די מעגליכקייט די ברייטע שיכטען פון עמיגראנטען צו פערשרייבען זיך אויף די לאנדווירטשאפטליכע צוגרייטונג, וואס ווערט ארגאניזירט דורך די יודישע צענטראלע עמיגראציע-געזעלשאפט („יעאס") אין פוילען, איז דער טערמין פון דער רעגיסטראציע פערלענגערט געווארען ביז'ן 30-טען מערץ ה. י.

די פעראינטערעסירטע עמיגראנטען קאנען זיך ווענדען אין דער היגער „יעאס"-אבטיילונג, פיעטרקאווער 10 (אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין צימער 6) יעדען טאג חוץ שבת, פון 10 ביז 2 בייטאג.

א פערברעכערישע מוטער

(2) עהערנעכטען בייטאג, האבען די ארבייטער, וואס זענען געווען בעשעפטיגט ביים רייניגען דעם קאנאלישען פילטער אויף פושענדזעלניאנא 30, געפונען א טויטען קערפעריל פון א 10-חדשימדיגן קינד, וועלכעס איז געווען אינגאנצען צופיסען דורך שטשורעס. דאס טויטע קערפעריל איז אפגעפיהרט געווארען אין פראזעקטאריום. די פאליציי פיהרט א שטרענגע אויספארשונג צו ענטדעקען די פערברעכערישע מוטער.

אין דעמזעלבען פילטער האט מען אויך געפינען אנ'ארטילערישען גראנאט, וועלכער איז איבערגעגעבען געווארען דער זשאנדארמעריע.

אנשטאט אין טורמע—אין קבר

(2) אין דארף נושעגאשעווא, 3 קילאמעטער פון קאלא האט מען געפינען א טויטען דעם 25-יעהריגען נתן מארקאווסקי פון קאלא, וועלכער איז בעגאנגען זעלבסטמארד דורך אויסטרינקען א גרויסע ראזע סם.

מארקאווסקי האט איבערגעלאזען א פרוי מיט 2 קליינע קינדער אהן שום מיטלען צום לעבען. ווי די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, איז די סיבה פון מארקאווסקים שריט געווען דאס, וואס ער איז פערמשפט געווארען דורכ'ן קאלא'ער געריכט אויף 3 חדשים ארעסט אדער 600 זלאטים שטראף.

היינטיגער ליטעראריש - מוזיקאלישער אווענד

פון „החלוץ המרכזי".

די הכנסה פון היינטיגען אווענד פון „החלוץ המרכזי" אין לאקאל פון „הזמיר" איז בעשטימט פאר הכשרה צוועקען. אין פראגראם געהען אריין צווישען אנדערעס סאלא געזאנג, אינסצעניזאציעס און דעקלאמאציעס, אויסגעפיהרט דורך די „ארטס"-ארטיסטען, א בילד פון א"י לעבען און אנדערע פערשידענע אטראקציעס. נאכ'ן פראגראם טענץ ביז אין דער פריה.

א שטאטישער פאלקס-פארק

(—) אויף דער לעצטער זיצונג פון מאגיסטראט זענען בעשטעטיגט געווארען די פלענער פון בויען א פאלקס-פארק אויף קאנסטאנטינער פאלעסיע.

דער פאלקס-פארק וועט ארומנעהמען א שטח פון 262 הא. אלס פערגלייך איז כדאי אנצווייזען, אז דער פאניאטאווסקי-פארק נעהמט נאר ארום א שטח פון 45 הא. אזוי-ארום וועט דער נייער פאלקס-פארק זיין 6 מאל גרעסער ווי דער פאניאטאווסקי-פארק.

אין פארק וועט זיך געפונען א באטאנישען גארטען, א באסיין פאר קינדער, אן אויסשטעלונגס-פלאץ מיט פאוויליאנען און א טייך. א חוץ דעם וועט זיין א גרויסער ספארט-סטאדיאן, טעניס-פלאץ און א פלאץ אויף א גליטש. עס וועלען אויך אויסגעבויט ווערען פאוויליאנען פאר א רעסטאראן, מלעטשארניע, ארקעסטער און בעהעלטענישען בעת א רעגען.

אויף די הייעהריגע ארבייטען אין צוזאמענהאנג מיט'ן בויען דעם פאלקס-פארק האט דער מאגיסטראט בעשטימט אין ביודזשעט א סומע פון 500 טויזענד זלאטים.

פון דער פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

היינט זונטאג אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א פארלעזונג פון אינזש. י. זשעלינסקי אויף ד. ט.: „וואס דארף יעדער מענש וויסען וועגען גיפטיגע גאזען".

היינטיגע פארלעזונג פון רעדאקטאר לובעזשינסקי

אין צוזאמענהאנג מיט דער לעצטער פארלעזונג פון רעדאקטאר פעליקס לובעזשינסקי פון ווילנע, וועגען דעם מעדיאלען מאלערייי פון קינסטלער גרוזשעווסקי, און וועגען אקולטיזם — וועט היינט 6 א זייגער פארנאכט אין דער שטעטישער גאלעריע די ארטיסטקע פון טעאטער פאפולארני פר. האקאווסקא פארלעזען עטליכע פאעמעס, וועלכע דער קינסטלער גרוזשעווסקי האט אויך אנגעשריבען אין מעדיאלען טראנס.

פון קינא „ספלענדיד"

אין קינא טעאטער „ספלענדיד" ווערט איצט דעמאנסטרירט מיט גרויס ערפאלג דער דאפעלט פראגראם וועלכער בעשטעהט פון 2 טיילען: 1) „ליבע ליידענשאפטען און פערברעכען" מיט דער בעטייליגונג פון יעני יוגא און וויליאן פריטש, 2) „רושעק אלס מאטראס מיט'ן אנטייל פון בעוואוסטען ארטיסט רושעק קאגאן. ביידע פילמען פערמאגען א גאנצע רייה אינטערעסאנטע נומערן וואס לאזען איבער א שטארקען איינדרוק אויף די צושויער.

גרויסער קאנצערט אין פילהארמאניע

דאנערשטאג טרעט אויף אין פילהארמאניע דער וועלט בעריהמטער יודישער וויאלענטשאליסט קינסטלער עמנואל פויערמאן. פויערמאן איז בעקאנט אלס איינער פון די בעסטע אינטערפרעטאטארען אין דער מאדערנער מוזיק. אומעטום ווי פויערמאן טרעט אויף גנעהען זיינע קאנצערטען אדורך מיט א גרויסען ערפאלג. אויך זיין קאנצערט אין לאדז האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס און פערשפרעכט צו זיין זעהר אינטערעסאנט.

אין פראגראם פון דאנערשטאג'דיגען קאנצערט וועט דער בעריהמטער קינסטלער אויספיהרען די שענסטע קאמפאזיציעס פון טשייקאווסקי, באך א. אנד.

קאנצערט פון רוסישע מוזיק אין פילהארמאניע

מיטוואך קומט פאר אין פילהארמאניע א גרויסער קאנצערט פון רוסישער מוזיק. אין קאנצערט בעטייליגט זיך א באלאלייקא-אנסאמבל אונטער דער לייטונג פון קינסטלער עגעניוש דובראווין. עס נעמט אויך אנטייל א גוט איינשטודירט כאר, וועלכע וועלען אויספיהרען פערשידענע רוסישע לידער און ראמאנסען.

צו אלע לאדזשער יודען.

אויפרוף!

אזוי ווי די תלמוד תורה „מחזיקי אמונה" וועלכע עס לערנען 300 ארימע קינדער געפינט זיך יעצט אין זעהר א שלעכטען מצב דעריבער, ווענדען מיר זיך צו אייך יודען-רחמנים בני רחמנים: אזוי ווי יעצט גייט צו פורים און יעדער יוד איז מקיים מתנות לאביונים, פערגעסט נישט אין אונזער ת"ת אין שפענדעט יעדער לטובת אונזער ת"ת לויט זיין יכולת, זעהט מיר זאלען קאנען דערהאלטען די תורה און 300 קינדער זאלען זיך נישט א ג. דרייען כצאן בלא רועה דען איהר ווייסט גוט דאס ארימקייט פון אונזער קאנט דאס די עלטערן קאנען נישט צאהלען מיר האפען דאס איהר יודען וועט אין אינז נישט פערגעסען אין נאמען פון 300 ארימע קינדער

מיט אכטונג די פערוואלטונג
פון „מחזיקי אמונה"
פעפער-גאס 17.

בעריכט

פון דער 2-טער קרן-היסוד-קאנפערענץ

עס איז ארויס פון דרוק דאס בוך „בעריכט פון דער צווייטער „קרן-היסוד-קאנפערענץ אין פוילען", וועלכע איז פארגעקומען אין ווארשא ד. 5—6 טען נאוועמבער 1928. דער „בעריכט" ענטהאלט סטענאגראמעס פון די רעדעס, וואס זענען געהאלטען געווארען אויף דער קאנפערענץ, אלע בעשלוסען, רעזאלוציעס א. או. וו. א חוץ דעם געפינען זיך אין דעם בוך אלע בעגריסונגען, וואס זענען אנגעקומען צו דער קאנפערענץ פון אנגעזעהענע פערזענליכקייטען און ארגאניזאציעס.

דאס בוך קאסט 1 זל., צו בעציהען פון „קרן היסוד, ווארשא נאלעווקי 2".

ספארט - בעוועגונג

—=:§:=—

„הכח"—„בוזשא" 1:3 (1:0)

נעכטען האט דער היגער „הכח" אנגעהויבען זיין פוסבאל סעזאן מיט'ן פריינדשאפטס מאטש געגען די פאביאניצער „בוזשא".

דער מעטש איז געווען ווייניג אינטערעסאנט צוליב'ן גרויסען שניי, וועלכער איז נאך געלעגען אויפ'ן פעלד.

„הכח האט זיין געגנער דורך דער גאנצער צייט איבערגעשטיגען און אזוי צרום איהם בעזיגט מיט'ן רעזולטאט פון 1:3.

די טויערן האבען געשאסען: קאטשינסקי (2) און וואלאק (1)

מעלדונג

פראפ. פעראיין פון בעקלייד ארבייטער אין פוילען אפ. לאדז, קאנסטאנטינער 26.

אכטונג כארל און רושעטשינע ארבייטער!

היינט זונטאג ד. 17|3 10 פריה קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל א וויכטיגע פערזאמלונג א. ט. א. בעזעם פון די אונטערהאנדלונגען מיט די מייסטער. אלע כארל און רושעטשינע ארבייטער מוזען פינקטליך קומען.

דער שטרייק-קאמיטעט פון כארל ארבייטער.
דער שטרייק-קאמיטעט פון רושעטשינע ארבייטער.

5017

MŁODA PANIENKA
ukończywszy kurs buchalterji i pisząca na maszynie poszukuje posady, bezpłatnie. Łask. of. do Adm. nin. pisma pod „Uczciwa"

יורידישע עצות

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטפערען אויף יורידישע פראגען, וואס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן

יורידישע אפטיילונג
פון „נייעם פאלקסבלאט".

בעם דערלאנגען אן אנפראגע אויף א יורידישע עצה, דארף צוגעלעגט ווערען דער קופאן מיט דער דאטע פון טאג, ווען די אנפראגע ווערט דערלאנגט. אויף אנפראגען אהן קופאן, וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

8954. נ. ראפאלאוויטש פון דרעוונאווסקא 16

די פראגע וועגען דער פליכט אויסצוקויפען א 3-טע קאטעגאריע-פאטענט איז בכלל נישט אפהענגיג פון אומשטאנד, צי די אונטערנעהמונג בעשעפטיגט אנגעשטעלטען אדער דער אייגענטימער פערנעהמט זיך אליין מיט'ן געשעפט, נאר עס איז אפהענגיג פון דעם אומשטאנד, וואס פאר א כאראקטער דער לאקאל טראגט: צי זעהט ער אויס ווי א געוועלב אדער מאכט דעם איינדרוק פון א בודקע.

אין ערשטען פאל מוזט איהר אומבעדינגט אויסקויפען א פאטענט פון 3 טע קאטעגאריע מעגט איהר אפילו נישט בעשעפטיגען קיין אנגעשטעלטע.

וואס שייך דער 4-טער קאטעגאריע, טארט איהר איבערהויפט קיינעם נישט בעשעפטיגען.

8955. י. פ. פון קאנסטאנטינער גאס.

איהר קאנט לייגען אן ארעסט אין געשעפט, הגם דערצו געהער נאך א שותף.

געוויס דארפט איהר זיך פריהער אין האנדעלס-רעגיסטער ביים קרייז-געריכט דערוויסען וואס פאר א כאראקטער דער שותפות-אפמאך טראגט.

8956. ל. סאבאצקי.

8957. B. M.

8958. א טעגליכער לעזער פון גייערס מארק

8959. יצחק ש—פט.

וועגען אייערע ענינים מוזט איהר זיך פערשטענדיגען פערזענליך מיט אונזער יוריסט טעגליך פון 3—4 מיטבערענגעריג די צייטונג.

8960. ח. פ.

פאר דיסקאנטירען א וועקסעל ווערט מען נאך נישט בעשטראפט. מען ווערט נאך אפילו אויך נישט בעשטראפט מיט קרימינאל, ווי איהר מיינט, ווען מען בעשעפטיגט זיך פראפעסיאנעל מיט דיסקאנטא. אין לעצטען פאל קאן מען נאר בעשטראפען פאר בעשעפטיגען זיך דערמיט אהן א קאנצעסיע און פאטענט. א הארבע-שטראף דראהט נאר, ווען מען נעהמט ליכויע-צינזען.

8961. א לעזער פון שענקיעוויטשא.

ס'איז נישט קיין אונטערשיד, צי מען פערדינגט א סובלאקאטאר א מעבלירט צימער אדער אהן מעבעל.

אין ביידע פאלען געניסט איהר פון די בעשטימונגען פון דעקרעט וועגען לאקאטארען-שוץ.

פאר א מעבלירט צימער האט נאר דער לאקאטאר דאס רעכט צו פאדערען 75 פראצענט טייערער, וויפיל ער צאהלט אליין פאר דעם זעלבען צימער.

דער יעסעניז-דאנקאז סקאנדאל

(ענדע פון 4-טע זייט)

צו איהר מעהר נישט צולאזען. זי ווייסט נישט פארוואס, נאר ווען ער ווערט ווילד, וויל ער זי דוקא דער'הרג'ענען.

א שטיקעל צייט איז געלונגען דעם עולם צו האלטען יעסענינ'ען בעזונדער און דאנקאנ'ען בעזונדער. יעסענין האט אויסגעזוכען זיך צו בערוהיגען און קומען צו זיך, און דער עולם האט אביסעל לייכטער אויפגעאטעמט. ערשט מיט אמאל — דער בחור שפרינגט אויף פון זיין ארט, מיט איין שפרונג איז ער שוין אין צווייטען צימער, און ווי א ווילדער שכור'ער פויער ווארפט ער זיך ארויף אויף דער בעריהמטער טענצערין מיט זיינע קולאקעס, גיט איהר א שלעפ און א ווארף פון זיך, און א העלפט פון איהר קלייד בלייבט אין זיין האנד.

עטליכע פון די אנוועזענדע האבען זיך א ווארף געטון צו איהם און איהם אפגעריסען פון איהר. איצט לאזט מען איהם שוין נישט אפ. ער ווערט אבער ווילדער און ווילדער און וויל זיך אלץ רייסען צו איהר. און אז מען לאזט איהם נישט, כאפט ער זיך שלאגען, ווער עס קומט איהם נאר אונטער די הענד. דערזעהן, אז מיט גוטען וועט מען איהם נישט איינגעהמען, האט מען זיך א נעהם געטון צו איהם מיט געוואלט און איהם אויסגעצויגען אויף דר'ערד. ער איז אבער שטארק ווי הונדערט פויערים, איז כאטש א צעהנדליג מענשען האלטען איהם ביי די הענד און די פיס, געלונגט איהם דאך זיך ארויסצורייסען און ער ווילדעוועט ווייטער. האט מען איהם ווידער בעוועלטיגט, איהם ווידער אויסגעצויגען אויף דער ערד און געבונדען הענד און פיס מיט שטריק.

די שטריק זענען דיקע און שטארקע. זיין כח שטייגט אבער אלץ אריבער. האט מען זיך ארויפגעזעצט אויף זיינע פיס, אנדערע האבען צוגעהאלטען זיין קאפ. עמיצער רופט אויס, אז מען דארף איהם אפגיסען מיט וואסער, וועט ער זיך אויסניכטערען. דערפיהלט דעם ערשטען טאפ וואסער אויף זיך, האט זיך איהם צובראכט דער גוי, און ער האט אנגעהויבען זידלען און שילטען אלע יודען, און טראצקי'ן בתוכם. איין היצקאפ האט נישט געקאנט פערטראגען די בעליידיגונג, כאטש ער האט געוואוסט, אז ער איז טויט-שכור, האט ער איהם דערלאנגט א זעץ איבער'ן קאפ, און דאס האט יעסענינ'ען אויף א ווייל פריטשמעליעט. ער איז אבער באלד ווידער געקומען צו זיך. איצט האט ער אנגעהויבען וויינען און געבעטען, מען זאל איהם אויפבינדען און ארויסלאזען פון הויז. מיר האבען עס געוואלט כוק. נאר די דאנקאן האט זיך געבעטען, מיר זאלען איהם נישט ארויסלאזען. ווארים זי האט מורא געהאט, טאמער ווילדעוועט ער אויף אין גאס, וועט מען איהם דאך ארעסטירען און דער סוף וועט זיין, אז מען וועט איהם איינגאנצען ארויסשיקען פון לאנד. האט מען איהם נאך א שטיקעל צייט געהאלטען געבונדען. ערשט ווען ער האט אויסגעזעהן רוהיגער, האט מען איהם אפגעלאזען און ער האט געכאפט זיין מאנטעל און איז אנטלאפען.

ערשט איצט איז די דאנקאן געווארען זעהר אומרוהיג. זי האט געוואלט נישט אנדערש, נאר מען זאל זיך ארויסלאזען אויף די גאסען איהם זוכען, ווייל זי איז געווען זיכער, אז א פאליציאנט וועט איהם ערגעץ-וואו ארעסטירען און מען וועט איהם דעפארטירען. אבער יעסענין איז הפנים שוין געווען האלב אויסגעניכטערט. ווארום איינקורצען האבען מיר זיך דערוואוסט, אז ער געפינט זיך שוין אין זיין צימער אין האטעל בריסטאל.

עס האט שוין אנגעהויבען צו טאגען, ווען דער עולם איז זיך צוגאנגען. די דאנקאן איז אבער פערבליבען ביי מאני לייב'ן, ווייל זי האט מורא געהאט צו פאהרען אהיים.

ערשט אויפמארגען שפעט נאכמיטאג האט זי מאני לייב אפגעפיהרט אין א טעקסי צו איהר האטעל. ווי מערי דעסרי דערצעהלט אין איהר בוך, האט איהר איבערגעגעבען מערי פענטאן ראבערטס, אן אנדער איבערגעגעבענע פריינדין פון דער דאנקאן, אז זי איז געווען דערביי, ווי יעסענין האט זיך יענעם נאכמיטאג געווארפען אויף דער דאנקאן מיט א רעוואלווער און זי בעוואלט דערשיסען. נאר ווי דורך א נס איז זי ניצול געווארען.

עטליכע טעג נאכדעם האבען איזאדארא דאנקאן און יעסענין פערלאזען אמעריקע.

יעסענין האט געשריבען צו מאני לייב'ן א בריף, אין וועלכען ער האט געבעטען מען זאל איהם מוחל זיין פאר זיין ווילדער אויפפיהרונג. פון דעם בריף האט געאטעמט מיט דערשלאגענקייט און שולד-בעוואוסטזיין.

א. ד. ש.

„דער שאטען-יעגער"

די פיעסע, וואס געהט יעצט אין פוילישען קאמער-טעאטער.

אין פוילישען קאמער-טעאטער געהט איצט פערמאנס פיעסע „דער שאטען-יעגער".

דער אינהאלט פון דער פיעסע איז פאלגענדער: א יונגער בחור ווערט משוגע פון ליבע צו א מערעל, וועלכע קוקט זיך אויף איהם נישט אום. זיין משוגעת איז אבער נישט קיין אומגליק, נאר א גליק פאר איהם; ער פערגעסט אין אלע מאטערנישען פונ'ם פריהעריגען לעבען, איצט איז איהם דאס לעבען לייכט און פערשטענדליך. עס איז איהם ארום און ארום זוניג, זיין ליבלינגס-בעשעפטיגונג: ער כאפט פיש, שאטענס...

די ארומיגע, ווילען איהם אויסהיילען פון דער קראנק. זיי ברענגען צו איהם דאס מערעל — נעלי, צוליב וועלכער דער בחור — זשאן — איז משוגע געווארען. איהם דערמאהנען אין דעם פערגאנגענעם.

נעלי קומט, די פריהער קאלטע נעלי, דערזעהט איצט דעם געוועזענעם אין איהר פערליבטען זשאן אין א גאנץ אנדערען ליכט: ער איז בעשטראהלט מיט דער אינערליכער ליכטיגקייט, וועלכע בעלייכט און ווארעמט אלץ ארום איהם. זי פערליבט זיך אין איהם אויף אן אמת'ען, מיט דער גאנצער קראפט און איבערגעגעבענקייט פון דער ערשטער ליבע.

אונטער דער ווירקונג פון נעלי, ווערט זשאן געזונד, מען שמועסט וועגען חתונה האבען, אבער אין דער ליכטיגער אידיליע רייסט זיך אריין זשאנס ברודער רענע. ער איז אליין פערליבט אין נעלי, עס ווייזט זיך איהם אויס, אז נעלי וויל זיך ברענגען א קרבן פאר דעם ברודער זשאן, אבער ער — רענע, האט זי דאך באמת ליב, ער וויל אפרייסען נעלי פונ'ם משוגענעם ברודער, און ער דערצעהלט זשאנ'ען, וועלכער האלט שוין ביים קומען צו זיך פון דער קראנקהייט, אז נעלי, די איצטיגע נעלי איז נישט יענע, וועלכע ער האט ליב געהאט, זי איז א צווייטע, וועלכע מען האט איינגעלאדען, אז זי זאל שפילען די ראלע פון יענע נעלי.

זשאן גלויבט דעם ברודער: יא, די איצטיגע נעלי איז נישט יענע: יענע וואלט זיך קיינמאל נישט דערנידעריגט דערצו, אז זי זאל זיך מורה זיין אין ליבע צו איהם. יענע איז געווען הארט, גרויזאם, די איצטיגע איז צארט... די איצטיגע נעלי, די פערליבטע, איז א שאטען פון יענע, זי איז אן אנדערע. זשאן ווערט ווידער משוגע און דערשיסט זיך.

די פיעסע שטעלט אוועק די פראגע וועגען דעם בעוואוסטזיניגען און אונטער בעוואוסטזיניגען לעבען דאס, וואס עס געהט אוועק, איז א שאטען, פערגאנגענע זאכען, עראינערונגען פון געוועזענע און איבערגעגאנגענע געשעהענישען, און מענשען זענען שאטענס, דער נעכטיגער מענש אליין איז היינט אנדערש.

וועננערקא אין דער ראלע פון זשאן איז אזוי קרישטאל-קינסטלעריש ריין, אזוי פולקאם אין דער גאס, אז עס איז זיך גארנישט פארצושטעלען, אז דאס שפילט אן אקטיאר א ראלע. וועננערקא איז א מייסטער, זיין שפילען איז שטענדיג קאנצערט-מעסיג. איז קיין וואונדער נישט, וואס אויך דאס מאל איז דער מייסטער אויף זיין הויך.

מיט וועננערקאן איז געוועהנליך צוזאמענגעבונדען דער נאמען מאליצקא זיין פארטנערין פון „בעגינען טאג און נאכט".

די צוויי נעמען האבען געשאפען די פארשטעלונג פון פולקאמענעם קאנצערט-שפילען.

לוביענסקא, וועלכע שפילט אין דעם „שאטען-כאפער" די ראלע פון נעלי, האט בעוויזען, אז „וועננערקא-לוביענסקי" קאנען אויך שאפען דעם קינסטלערישען דועט-קאנצערט. אזוי יונג און שעהן איז זי, אזוי פיל אויפריכטיגקייט און ליבשאפט ליגט אין איהר שטימע, אזוי צארט און מעלאדיש קלינגט אין איהר אלץ.

ט. פ.

דער לאנג-עקזיסטירענדער

טוך= און קארט=לאגער פון
SZ. MAROKO

לאדז, 2 נאוואמיעסקא 2, פראנט, 1. שטאק, טעל. 59-48

עמפפעהלט צום פריהלינג- און זומער-סעזאן א גרויסען און סוועהל פון די נייעסטע טיך און קאמגארן מענער-שטאפען ווי אויך אויך דאמען-מאנטלען פון בילי צור, סאמאשאוער, זגערזשער, לעאנהארדט'ס א. אנד. אויסארבייטונג

הורט און דעטייל • קיין פיליעס בעזיצען מיר נישט • סאלידע בעהאנדלונג

פרייזען נידריגער פון דער קאנקורענץ

Ogłoszenie.

Magistrat m. Łodzi podaje niniejszem do wiadomości pp. Właścicieli posesyj przy ul. **Piotrkowskiej** na odcinku od Placu Wolności do ul. Nawrot — ul. Zamenhofa, t. j. od Nr. 1 do Nr. 127 oraz od Nr. 2 do Nr. 124 i przy ul. **Nawrot** na odcinku od ul. Piotrkowskiej do ul. Sienkiewicza, t. j. od Nr. 1 do Nr. 15 oraz od Nr. 2 do Nr. 16, że w sezonie roku bieżącego t. j. w międzyczasie od dnia 1 lipca 1929 roku do 1 października 1929 roku jezdnie na wyżej wymienionych odcinkach ulic otrzymają nawierzchnie asfaltowe o profilu poprzecznym **bez rynsztoków,** obecnie istniejących.

W związku z powyższem wszelkie odprowadzania wód z poszczególnych posesyj sposobem nawierzchniowym do ścieków ulicznych zostaną wzbronione.

Wobec tego, że odprowadzenie wód z posesyj będzie mogło być uskuteczniane jedynie przez przyłączenie się do istniejącej miejskiej sieci kanalizacyjnej — Magistrat m. Łodzi wzywa Panów Właścicieli pesesyj, by roboty związane z przyłączeniem ich posesyj do miejskiej sieci kanalizacyjnej uskutecznili przed rozpoczęciem robót asfaltowych, t. j. w terminach:

a) do dnia 1 czerwca 1929 roku na ulicy Piotrkowskiej na odcinku od ulicy 6 Sierpnia — ul Traugutta do ul. Zamenhofa — ul. Nawrot, t. j. od Nr. 65 do Nr. 127 oraz od Nr. 72 do Nr 124;

b) do dnia 1 lipca 1929 roku na ulicy Piotrkowskiej na odcinku od ul. Cegielnianej do ul. 6 Sierpnia — ul. Traugutta, t. j. od Nr. 29 do Nr. 63 oraz od Nr. 34 do Nr. 70;

c) do dnia 1 sierpnia 1929 roku na ulicy Piotrkowskiej na odcinku od Placu Wolności do ul. Cegielnianej, t. j. od Nr. 1 do Nr. 27 oraz od Nr. 2 do Nr. 32 i

na ul. Nawrot na odcinku od ul. Piotrkowskiej do ul. Sienkiewicza, t. j. od Nr. 1 do Nr. 15 oraz od Nr. 2 do Nr. 16, gdyż po oznaczonych terminach wszelkie koszta naprawy nowej nawierzchni ulicy, powstałe wskutek przyłączeń posesyj do sieci kanalizacyjnej ponosić będą pp. właściciele poszczególnych posesyj jak również będą ponosić konsekwencje, które wynikną wskutek zabronienia wypuszczania ścieków domowych do rynsztoków ulicznych.

Bliższych informacyj, tyczących przyłączania posesyj do miejskiej sieci kanalizacyjnej, udziela Wydział Kanalizacji i Wodociągów Magistratu m Łodzi.

Łódź, dnia 16 marca 1929 roku. 5015

פארזיכטיג מיט וואל...
וואשט וואלענע אנציגער פונקט אזוי פארזיכטיג ווי זייד

עס פערזיכערט זיך זייער ווייכקייט, בענוצענדיג דעם נייעם סארט זייף, וואס שרימפט נישט איין די וואל.

דאל פון פערשידענע געשטאלטען און נעמליך: סוויטערס שאלען, וואלענע און טריקא-שטרימפף און וואלענע העמדלעך, אומבעדינגט נויטיגע ביי ווינטער-ספארטען און אויך קאשמירער פיזשאמעס און פאסטעל-קאלירען דארף מען וואשען מיט דער זעלבער פארזיכטיגקייט און אפשר גאר מיט א גרעסערער, ווי דעליקאטע זיידענע וועש. איין איינציגע בעריהרונג מיט געקאכט וואסער שעדיגט איינמאל פאר אלע מאל דעם ארט זאכען — איין איינציג אונפארזיכטיג וואשען פעראורזאכט א נישט-גלאטיגקייט און הארטקייט פון דער וואל ווי אויך אנ'איינשרימפונג...

נאר דער נייער סיסטעם פון וואשען אין לוקס איז ראציאנעל און ווירקזאם... ווייל דאס ווייכקייט און פוכיגקייט פון דער וואל קען מען דערהאלטען ביז צום ענדע און נאך א צאהלרייכען וואשען... נאר לוקס בעזייטיגט גרינדליך דעם שמוץ, פעראורזאכט נישט קיין איינשרימפונג פון דער וואל. אונטער קיין אומשטאנד טאר מען נישט נוצען קיין הייס וואסער. וואשען וואלענע אנציגער אויסשליסליך אין לוקס און די רעזולטאטען וועלען זיין שטוינענדע.

PRÓBKA DARMO

Kupon. Do firmy „Sunlajt“ Sp. Akc., Skrzynka Poczt. 479, Poczta Główna, Warszawa.—
כ'בעט מיר צו שיקען אנ'אומזיסט פעקעל „לוקס“,
וואס איז גענוג אויף א פראבע-וואשען.
נאמען און פאמיליע——————אדרעס——————
(מ'בעט שרייבען דעם אדרעס דייטליך און פויליש N.F.54

L.P.54—3

א פלעגערין

פאר העלענובעק ווערט געזוכט פון א גרופע קינדער פון $1^1/_2$ ביז 3 יאהר. אין מיידכען-אינטערנאט „פאמאץ“ ווערט געזוכט

אנ'אינטעליגענטע פערזאן

אלס פערוואלטערין און ווירטשאפטערין. צו מעלדען זיך קילינסקיעגא 105, פון $1^1/_2$ ביז 10 פריה ביי ה' רומקאווסקי.

שווייצארישער

זייגערמאכער=מאגאזין „PRECYZJA“ א. פ.

wł. A. LEBEN 2 Przejazd 2

עמפפעהלט א גרויסען אויסוואהל פון פרעציזיונס זייגערלעך פון וועלט-פאבריקען ווי אויך וואנט און טיש זייגערס צו צוגענגליכע פרייזען. ווערקשטעטל אויפן ארט אונטער דער לייט. פון ה. א. לעבען.

Dr. A. MAZUR

ספעציעל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנקהייט ווי אויך שטום און שפראך-פעהלער

ווסכאדניא 65, טעל. 66-01

(איינגאנג אויך דורך פיעטריקאווער 46)

א מעדעל

צו א זיים=מאשין

ארומצוניייהען וואטענע קאלדרעס ווי אויך א לערן=מעדעל ווערען געזוכט. צו ערפאהרען ביי י. שילסקי 20 נאוואמיעסקא 20

השבת אבדה.

כ'האב פערלוירען א-פארטפעל מיט פאטאגראפיעס, וועלכע האבען פאר קיינעם קיין ווערט נישט. דער עהרליכער געפינער ווערט געבעטען אפצוגעבען צו משה כאל. מאן בעריק יאסעלעוויטש 15 נענע בעלוינונג

Pokój

umeblowany
dla 1 lub 2 inteligentnych panów oddam.
CMENTARNA 3a m. 19.

דיוראטם=פערמיטלונג!

ווארשא, טלאמאצקע 2, וואוינונג 17
טעלעפאן 302-49, פאסטקעסטעל 574
בעזוכט לאדז פון 20. ביז'ן 23. ד. ח.
אננאהמע נאר פיר בעשטעלטע נאמען, דיסקרעציע געזיכערט.
אדרעס: לאדז, 6-go Sierpnia 10
mieszkanie 17, TELEFON 73-43.

ס'ווערט געזוכט
א יונגערמאן

צו פיזישע ארבייט אין א פארמירעריי. קען אויך דארט שלאפען. שטרימף-פאבריק
שמחה האפמאן, פאנסקא 27.

בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט די אלע, וועלכע בעזיצען וועקסלען פון דער פירמע

ש. זילבערשטיין בזשעזינער 32

און וועלכע האבען נאך וועקסלען. וואס זיינען פעליג ביז'ן 20. מערץ, און אויך פראטעסטען, זאלען קומען מארגען, מאנטאג פון 2—3 נאכמיטאג צו מיין שוואגער, קירושנער הערשליקאוויטש פיעטריקאווער 54, וואו אלעס וועט ערלעדיגט ווערען מיט אכטונג ש. זילבערשטיין.

גיר אין דער בעוואוסטער פירמע פון דער אייזען=מעבעל=פאבריק

I. B. WOŁKOWYSKI שענקעוויטש 3/5

פאבריקס-לאגער: נארוטאוויטשא (דזיעלנא) 11, טעל 37-70

איז: א מבילינסטען מבעסטען מבעקוועמסטען

און דער גרעסטער אויסוואהל

כ'בעזיץ אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון מעטאל ניקעל-בעטען, פעלד-בעטען, מעטאלאווע פאטענט „פערפעקט“ גאראנטיע 5 יאהר, קינדער-וועגעלעך די נייעסטע פאסאנען, לעזשאקעס, וואש-טישען, סערוויזען, וויזשימאטשקעס, אייז-קיסטען

איך בארג אוים בעטען אויף זומער=וואוינונגען.

דאנקזאגונג.

איך דאנק דעם פרעזעס פון משמרת החולים אלעקסאנדער 6, דעם ה' רובינשטיין פאר די בעמיהונג, וואס ער האט ארייננעגעבען יואל שלאסבייטעל'ס פרוי אין שפיטאל אריין. מיט אכטונג י. שלאסבייטעל גליבנא 31.

פריזיער-אנשטאלט פון
M. i L. Pilichowski

Łódź, Cegielniana 53 w podwórzu, tel. 64-03.

דאמען-סאלאן / מענער-סאלאן;

פארבען פון האר, אנדולאציע פון האר און מיט קארביר-אייזען. — אויסגעצייכענטער מאניקור.

בעמערקונג: מאניקוזשיסטקע פרל. בראניא איז צוריקגעקומען.

1967

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט צוטראגען א היים; אויף דער פראווינץ — 6 א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט אין טעלעגראמען די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך די אדמיניסטראציע איז אפען ביינאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פריישאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 — 60 — 4
נאכ'ן טעקסט—12 — 18 — 8
פאר א מיליטער-שורה: אויבער דער שטעקט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat“, spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufmann.
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat“, Piotrkowska 21.